# תשורה

משמחת נישואין של

**דובער וחנה שיחיו גראסבוים**

יום הבהיר כ"ח סיון ה'תשפ"ב

ב"ה

# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו למזל טוב, בשעה טובה ומוצלחת, ביום הבהיר כ"ח סיון ה'תשפ"ב, שמונים ואחד שנה להצלת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית זי"ע מעמק הבכא האירופאי וביאתם צלחה לארצות הברית, ביום שני, כ"ח סיון ה'תש"א.

התודה והברכה מובעת בזה לידידנו ומכירנו שיחיו אשר הואילו לשמוח איתנו יחדיו ביום שמחת לבבנו, ולברכנו בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשמחה ובטוב לבב ולאות תודה והוקרה, הננו מכבדים בזה את כל הנוטלים חלק בשמחתנו מקרוב ומרחוק במזכרת המוגשת בזה (כפי מנהג אנ"ש לאחרונה, על יסוד התשורה שחולקה בחתונת רבינו).

התשורה כוללת:

א. שער מענות קודש, ובו מספר מענות קודש מזמנים שונים.

ג. שער הגהות, ובו הגהות כ"ק אדמו"ר בכתי"ק על שיחת ג' סיון ה'תשמ"ט, אשר הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר בקשר עם ג' סיון ה'תש"נ. ומשיחת בדר"ח תמוז, וש"פ קרח ג' תמוז, ה'תנש"א.

הא-ל טוב הוא יתברך, יברך את כל הבאים להשתתף בשמחתנו ואת בני משפחותיהם בתוך כלל אחב"י בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, ובקרוב ממש נזכה לייעוד של נשואי הקב"ה וכנס"י, ועד ל"שמחת עולם על ראשם", מתוך הרחבה ובריאות הנכונה בגשמיות וברוחניות, מתוך מנוחת הנפש והגוף.

משפחת גראסביום　　　　משפחת שמוטקין

יום הבהיר כ"ח סיון ה'תשפ"ב
מאה ועשרים שנה להולדת כ"ק אדמו"ר זי"ע
דיטרויט, מישיגען

# שער
# מענות קודש

### א

[תשל"ה]

מענה לא' התמימים מאה"ק על מכתבו (מהעתקה):

**1)** [להיות בנ.י.] **ובכלל בארה"ב אין מתאים לו – ויחזור לאה"ק וישתדל ללמוד שם בישיבה ויגעת ומצאת.**

**2)** [ליחידות] **אין מקום לזה כלל כי – הצ"ל היא הנהגה בפועל ע"פ תורת השם, וזהו העיקר**

**באם תהיינה (עוד) שאלות – כהוראות רב מורה הוראה**

**הכלי לברכת השם היא בעיקר – הנהגת המבקש ברכת השם ע"פ רצון השם.**

**אזעה"צ.**

### ב

[סיון (?)]

מענה לא' מאנ"ש על מכתבו מיום י"ג סיון (מהעתקה):

**א) אזכיר עוה"פ עה"צ לתוכן מכ'.**

**ב) קראתי ות"ח. להחזיר.**

**ההערה שלי לא באה על האפשריות דקריאת שם "בר יוחאי" – כ"א כשאפשר לקרות רשב"י או ב"י – איך צ"ל. ופשוט.**

### ג

[תמוז (?)]

מענה לא' מאנ"ש על מכתבו מיום ט' תמוז (מהעתקה):

**א) ב' המכ' הקודמים נת' ותיכף עניתי שאזכיר עה"צ. וכן להנ"ל. ואולי לא שאל בהמזכ' ועל גו' יזעף לבו.**

**ב) מצו"ב מכ' דג"ת שכל השנה זמנו הוא.**

ד

[יו"ד מנ"א (?)]

מענה בקשר לעיר עמנואל באה"ק (מהעתקה):

**ה"ז ברוב דכל עיר ואם באה"ק.**

**ואולי בכל עיר ואם באה"ק**

**אזכיר עה"צ שיקויים בכל הנ"ל כשמו: עמנו – א-ל.**

ה

מענה לאחת שכתבה ע"ד חלישות בעניני' (מהעתקת המזכיר):

כ"ק אדמו"ר שליט"א סימן בעיגול תיבת "Weakness" (חלישות), וכתב:

**?! הרי הצליחה בענינים הכי עקריים: הנהגת הבית ודב"ב שי' – על פי התורה ומצות והצלחה בהשפעתה גם מחוץ לביתה בכיון זה, וגם בעלה שי' מוסיף בתורה ומצות מזמן לזמן בהשפעתה.**

**מפני שלום בית והגדלת השפעתה על בעלה שי' – כדאי שתתענין בהמשרה שהוא הציעה. שבעז"ה תצליח בה ותגודל השפעתה על בעלה ג"כ (נוסף על הפרשתה מעשר לצדקה, בלי נדר).**

**אזכיר על הציון.**

ו

מענה לאחת שכתבה ע"ד בדיקה רפואית שעומדת לעבור (מהעתקת המזכיר):

**תתן לצדקה המצורף בזה**

**א' קודם א' לאחרי הבדיקה.**

**אזכיר על הציון**

ז

מענה לא' מאנ"ש על מכתבו בעניני רפואה (מהעתקה):

**כעצת הרופא עוד הפעם קרוב לזמן**

[הסכמה צום פלאן] **אזכיר על הציון**

**ח**

מענה לא' שכתב שלומד חזנות, ושאל האם להמשיך (מהעתקה):

כ"ק אדמו"ר שליט"א סימן שני קווים תחת תיבת "להמשיך", וכתב:

**אזעה"צ**

**ט**

מענה לר' צבי הירש חיטריק לפני נסיעתו לרוסי' (מהעתקת המזכיר):

**מצו"ב לצדקה -.3$**

**(לאחר שיחליפם רשמית**

**שם.**

**אזכיר עה"צ**

**י**

מענה כ"ק אדמו"ר שליט"א (מהעתקה):

**בניהול כמו עד עתה ובמצב כמו עד עתה וכשיהי' צורך ידגישו זה –**

**מה צורך לחדש ענינים ובפרט עיקריים?**

**אזכיר עה"צ**

**יא**

מענה כ"ק אדמו"ר שליט"א (מהעתקת המזכיר):

**נת' ות"ח. להחזיר המצו"ב.**

**כבר כתבתי – שכללות העסק במבצעים צ"ל בהתאמה עם ההנהלה מרכזית בזה (צאגו"ח).**

# שער
# הגהות

**משיחת ג׳ סיון ה׳תשמ״ט**

**משיחות בדר״ח תמוז, וש״פ קרח ג׳ תמוז, ה׳תנש״א**

**בס״ד. משיחת ראשון דימי הגבלה - ג׳ סיון בלילה, אור ליום ד׳ פ׳ נשא, ה׳תשמ״ט.**

**א. היינט הויבן זיך אן די שלשת ימי הגבלה פאר זמן מתן תורתנו, ווען משה האט אנגעזאגט אידן (בשלשה בסיון) ״מצות הגבלה״[1] - ״והגבלת את העם סביב לאמר השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו גו׳״[2], ״הגבל את ההר וקדשתו״[3].**

**דער טעם בפשטות אויף דעם אנזאג ״הגבל את ההר וקדשתו״ איז - צוליב קדושת ההר, דעריבער דארפן אידן זיין זהיר פון זיך צו אים צורירן.**

**בשעת מ׳טראכט זיך אבער טיפער אריין אין דעם, איז מסתבר זאגן אז דאס איז אויך א הכנה והקדמה צו מתן תורה.**

**ובפרט אז דער אויבערשטער האט וועגן דעם אנגעזאגט מיט אן אריכות הפרטים, און צוויי מאל - סיי בתחלת השלשה ימים, און נאכאמאל ביום השלישי, ״העד בעם פן יהרסו אל ה׳ לראות גו׳ לך רד גו׳״, ״והעד בהם שנית״[4].**

**ב. דער ביאור אין דעם:**

**די כוונה פון מתן תורה איז - נתינת התורה למטה דוקא, בארץ[5] הלזו הגשמית, ואדרבה - ״לא בשמים היא״[6] [ביז אז דער אויבערשטער זאגט צו בית דין של מעלה ״אני ואתם נלך אצל ב״ד של מטה כו׳״ און הערן ווי זיי פסק׳נען דעם דין[7]].**

**און דאס איז אויך די תכלית וכוונה פון עבודת האדם (ווי ס׳האט זיך אויפגעטאן במיוחד בא מ״ת) - ניט ווי ס׳איז געווען בא די בני אהרן, אז צוליב זייער גרויסע תשוקה להתקרב לה׳ זיינען זיי אויס-געגאנגען בכלות הנפש[8] (״בקרבתם לפני ה׳ וימותו״[9]),ובלשונפון אוה״ח הקדוש[9]: ״לא נמנעו מקרוב לדביקות נעימות עריבות ידידות חביבות נשיקות מתיקות עד כלות נפשותם מהם״,**

**נאר דוקא אן עבודה פון נשמות בגופים[10], טאקע מיטן גאנצן ברען און קאך צו זיין נאענט צו דעם אויבערשטן, אבער צוזאמען דערמיט דוקא אין אן אופן פון ״הסנה איננו אוכל״[11] - ווי ס׳איז געווען בא רבי עקיבא[12], ״נכנס בשלום ויצא בשלום״ (עד כדי כך, אז זיין כניסה איז לכתחילה געווען על מנת אז דערנאך זאל זיין די יציאה בשלום, א נשמה בגוף[13]). ד.ה. אז עס דארפן זייןביידע זאכן - ״נכנס בשלום״, און צוזאמען דערמיט ״על מנת ״ויצא בשלום״. ואדרבה: דוקא דורך דעם ״יצא בשלום״ ווערט ער א כלי אמיתי ובשלימות אויף די גילויים הכי נעלים שלמעלה (צוליב וועלכע ער איז ״נכנס״).**

**[ווי ס׳איז אויך מרומז אין דעם וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט בימי ההכנה (ביום שני[1]) צו מתן תורה (נאך פאר דעם ציווי פון ״והגבלת גו׳״) - ״ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש״[14]: צו-זאמען דערמיט וואס אידן זיינען ״ממלכת כהנים״, וואס באווייזט אויף זייער אפגעשיידקייט פון**

בס"ד. משיחת ראשון דימי הגבלה – ג' סיון בלילה, **אור לד' פ' נשא, ה'תשמ"ט.**

בתחלת השיחה, רשם הרבי: מהיר

## ס"א

. . דער טעם בפשטות אויף דעם אנזאג "הגבל את ההר וקדשתו" איז – צוליב קדושת ההר, דעריבער **האבן אידן געדארפט** ~~אידן~~ זיין זהיר פון זיך צו אים **אפילו** צורירן.

בשעת מ'טראכט זיך ~~אבער~~ טיפער אריין אין דעם, איז מסתבר זאגן אז דאס איז אויך א הכנה והקדמה צו מתן תורה . .

## ס"ב

. . נאר דוקא אן עבודה פון נשמות בגופים, טאקע מיטן גאנצן ברען און קאך צו זיין נאענט צו דעם אויבערשטן, אבער צוזאמען דערמיט דוקא אין אן אופן פון "הסנה איננו אוכל" – ווי ס'איז געווען בא רבי עקיבא, "נכנס בשלום ויצא בשלום" (עד כדי כך, אז זיין כניסה*[11] איז ~~לכתחילה~~ געווען **אנדערש** - בשלום **דוקא** על מנת **ובאופן** אז דערנאך זאל זיין ~~די~~ יציאה בשלום **ושלימות**, א נשמה בגוף). ד.ה. אז עס דארפן זיין בײדע זאכן – "נכנס ~~בשלום~~", און צוזאמען דערמיט – "**בשלום" – באופן ועל** מנת "ויצא בשלום". ואדרבה: דוקא דורך דעם "יצא בשלום" ווערט ער א כלי אמיתי ובשלימות אויף די גילויים הכי נעלים שלמעלה (צוליב וועלכע ער איז "נכנס").

[ווי ס'איז אויך מרומז אין דעם וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט בימי ההכנה (ביום שני) צו מתן תורה (נאך פאר ~~דעם~~ ציווי פון "והגבלת גו'") – "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש": צוזאמען דערמיט וואס אידן זיינען "ממלכת כהנים", וואס באווייזט אויף זייער אפגעשיידקייט פון

- 2 -

וועלט, אזוי ווי א כהן "שהובדל לעבוד את ה' לשרתו כו'"[15], ובפרט א כהן גדול[16], וואס מקומו איז דוקא בירושלים[17] (יראה שלם[18], און ער שחוברה לה יחדיו[19], ולא נתחלקה לשבטים[20], ווייל ער איז למעלה מהתחלקות) און ער טאר פון דארטן ניט ארויסגיין ("ואינו זז משם")[17] - דארפן זיין אויך זיין "גוי קדוש": ווי זיי געפינען זיך אלס א "גוי" (א פאלק) בארץ הלזו הגשמית, אלס נשמות בגופים, דארפן זיי זיין "קדוש"[21], קדוש ומובדל[22], וע"ד המבואר בתורה אור (בתחלתו[23]) ובאור התורה[24] (מיט הגהות) בענין "צדקה תרומם גוי"[25], אז ווי אידן שטייען אין דער דרגא פון "גוי"[26], וואו זיי דארפן אנקומען צו א הרמה כו' - ווערט אין זיי "תרומם"].

ויש לומר, אז דאס איז איינער פון די טעמים פארוואס פאר מתן תורה איז געווען די גזירה פון עליונים לא ירדו למטה און תחתונים לא יעלו למעלה[27] - אע"פ וואס די כוונה (בתחלת הבריאה) איז געווען די התאחדות פון עליון ותחתון בא מתן תורה - ווייל די כוונה איז אז די תחתונים זאלן בלייבן בקיומם (און ניט בטל ווערן צו די עליונים), וואס דערצו האט דער אויבערשטער באשאפן די תחתונים אין אן אופן אז בתחלה ומ"מ איז דא א גזירה (אויך מלשון "לגוזר") - פירוד און אפגעטיילטקייט צווישן עליונים ותחתונים, וואס דורך דעם קענען די תחתונים בלייבן בקיומם, און דאס טוט אויף, אז דערנאך, ווען די גזירה ווערט בטל (בשעת מתן תורה) (און מ'באקומט דעם כח צו ממשיך זיין עליונים אין תחתונים), זאל דאס זיין אין אן אופן אז די תחתונים ווערן ניט אויס מציאות (ובטל להעליונים), נאר ווי זיי זיינען א מציאות פון תחתונים ווערן זיי א כלי צו די עליונים[27*], ובסגנון אחר - אז גשמיות העולם ווערט א חפצא של קדושה.

און דעריבער, אלס הקדמה והכנה צו מתן תורה, האט געדארפט זיין די באווארעניש און זהירות פון "והגבלת גו'":

לאחרי דעם גודל העילוי צו וועלכע אידן האבן דערגרייכט בראש חודש סיון, "ביום הזה"[28], ווען "באו מדבר סיני", און "ויחן שם ישראל נגד ההר", "כאיש אחד בלב אחד"[29], וואס דורך דעם זיינען אידן געווארן ראוי לקבלת התורה [בלשון המדרש[30] - "בזמן שבאו לסיני חנו חני' אחת ויחן כו' אמר הקב"ה הואיל כו' ואהבו (ישראל) השלום ונעשו חני' אחת, הרי השעה שאתן להם את תורתי"] - נאך זייער גאנצע השתוקקות צו מתן תורה במשך די מ"ד ימים שלפני זה (וועלכע אידן האבן געציילט צוליב זייערע געגועים צו מ"ת[31]) - האט דאך זייער גרויסע התפעלות און ברען (שטייענדיק לעבן הר סיני) געקענט ברענגען אז זיי זאלן (וועלן) ארויפגיין אויפן הר און זיין מיטן אויבערשטן, בלשון רש"י[32]: "תאותם אל ה' לראות ויקרבו לצד ההר",

דעריבער האט דער אויבערשטער באווארענט, "השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו", "הגבל את ההר וקדשתו" - אז זיי זאלן ניט ארויסגיין און בטל ווערן[33] צוליב זייער געוואלדיקע תשוקה און ברען

וועלט, אזוי ווי א כהן "שהובדל לעבוד את ה' לשרתו כו'", ובפרט א כהן גדול, וואס מקומו איז דוקא בירושלים (יראה שלם, און עיר שחוברה לה יחדיו, ולא נתחלקה לשבטים, ווייל ער איז למעלה מהתחלקות) און ער ~~טאר~~ **דארף** פון דארטן ניט ארויסגיין ("ואינו זז משם") – דארפן זיי **אידן**, אויך זיין "גוי קדוש": ווי זיי געפינען זיך אלס א "גוי" (א פאלק) בארץ הלזו הגשמית, ~~אלס~~ נשמות בגופים, דארפן זיי זיין "קדוש", קדוש ומובדל, וע"ד המבואר בתורה אור (בתחלתו) ובאור התורה (~~מיט~~ **בהגהות על התו"א**), בענין "צדקה תרומם גוי", אז ווי אידן שטייען אין דער דרגא פון "גוי", וואו זיי דארפן אנקומען צו א הרמה כו' – ווערט אין זיי **מצב של** "תרומם"].

ויש לומר, אז דאס איז איינער פון די טעמים פארוואס פאר מתן תורה איז געוועזן די גזירה פון עליונים לא ירדו למטה און תחתונים לא יעלו למעלה – אע"פ וואס די כוונה (בתחלת הבריאה **ובתוכה**) איז געוועזן **ביידע זאכן: תורה וישראל, ביז** די התאחדות פון עליון ותחתון ~~בא מתן תורה~~ – ~~ווייל~~ די כוונה איז אז די תחתונים זאלן בלייבן בקיומם (~~און~~ ניט בטל ווערן צו די עליונים), וואס דערפאר האט דער אויבערשטער באשאפן די תחתונים אין אן אופן אז בתחלה ~~ומצ"ע~~ איז דא א גזירה (אויך מלשון "לגוזר") – פירוד און אפגעטיילטקייט צווישן עליונים ותחתונים, וואס דורך דעם קענען די תחתונים בלייבן בקיומם, און דאס טוט אויף, אז דערנאך, ווען די גזירה ווערט בטל (בשעת מתן תורה) - (~~און~~ מ'באקומט דעם כח צו ממשיך זיין עליונים אין תחתונים~~)~~, זאל דאס זיין אין אן אופן אז די תחתונים ווערן ניט אויס מציאות (ובטל להעליונים), נאר ווי זיי זיינען א מציאות פון תחתונים ווערן זיי א כלי צו די עליונים, ובסגנון אחר – ~~אז~~ די גשמיות העולם ווערט א חפצא של קדושה . .

. . לאחרי דעם גודל העילוי צו וועלכען אידן האבן דערגרייכט בראש חודש סיון, "ביום הזה", ווען "באו מדבר סיני", און "ויחן שם ישראל נגד ההר", "כאיש אחד בלב אחד", וואס דורך דעם זיינען אידן געווארן ראוי לקבלת התורה [בלשון המדרש – "בזמן שבאו לסיני חנו חני' אחת ויחן כו' אמר הקב"ה הואיל כו' ואהבו (ישראל) השלום ונעשו חני' אחת, הרי השעה שאתן להם את תורתי"] – נאך זייער השתוקקות צו מתן תורה במשך די [גאנצע] מ"ד ימים שלפני זה (וועלכע אידן האבן געציילט צוליב זייערע געגועים צו מ"ת) – האט דאך זייער ~~גרויסע~~ התפעלות און ברען (שטייענדיק לעבן הר סיני) געקענט ברענגען אז זיי זאלן (וועלן) ארויפגיין אויפן הר און זיין מיטן אויבערשטן, בלשון רש"י: "תאותם אל ה' לראות ויקרבו לצד ההר", *[תחלה הי' כתוב "נאך זייער גאנצע השתוקקות צו מתן תורה במשך די מ"ד ימים שלפני זה", והעביר הרבי תיבת "גאנצע" כנ"ל]*

דעריבער האט דער אויבערשטער באווארענט, "השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו ~~גו~~'", "הגבל את ההר וקדשתו" – אז זיי זאלן ניט אויסגיין און בטל ווערן ~~צוליב~~ **דורך** זייער געוואלדיקע תשוקה און ברען

שטייענדיק לעבן הר סיני ("נגד ההר"), וועלכער האט אין זיי (אויך) גע'פועל'ט אן עלי' (נאך בר"ח סיון), נאר זייער תאוה ותשוקה זאל זיין פארבונדן מיט זייער מציאות אלס נשמות בגופים (וועלכע זיינען מקבל די תורה) - דערפאר האט דער אויבערשטער אנגעזאגט "והגבלת גו' השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו גו'", ניט נאר מ'זאל ניט עולה זיין בהר (ע"ד עליית בני אהרן), נאר אפילו ניט "נגוע (און) בקצהו".

ג. והימים האלה נזכרים ונעשים[34] מדי שנה בשנה כחדשים[35], ביז - חדשים[36] ממש[37]:

בזמן מתן תורתנו יעדן יאר-קומט צו א חידוש אין דעם שלימות פון ביטול הגזירה וחיבור עליונים ותחתונים, וואס בערך צו דעם חידוש ושלימות איז דער ביטול הגזירה בשנים שלפני זה בדוגמא ווי קודם ביטול הגזירה, אז ס'איז נאך דא דער חילוק און העדר ההתאחדות צווישן עליונים און תחתונים.

און דעריבער, אין די ימי ההכנה צו זמן מתן תורתנו, פאדערן זיך ביידע ענינים: די התקרבות צו שטיין "נגד ההר", און דער "ויחן שם ישראל", כאיש אחד בלב אחד, מיט די גרויסע השתוקקות צו קבלת התורה; וביחד עם זה - "והגבלת גו'", בכדי מ'זאל קענען מקבל זיין די תורה בשלימותה, אלס נשמות בגופים בריאים, לאריכות ימים ושנים טובות, עס זאל זיין דער "(נכנס בשלום) ויצא בשלום".

ד. ויש להוסיף - ע"פ הקביעות פון ראש חודש סיון בשנה זו[37*] - ביום ראשון בשבוע:

יעדער יום ראשון איז בדוגמת (דעם ערשטען) יום ראשון[37] פון מעשה בראשית[38], וואס ווערט אנגערופן "יום אחד"[39], "שבו הי' הקב"ה יחיד בעולמו שלא הי' בעולמו אלא הוא"[40];

און אויך: די בריאה וואס איז געווען ביום ראשון, איז געווען - אור, וואס איז בכלל העכער פון דער (שאר כל ה)בריאה, ועאכו"כ דער אור שנברא ביום ראשון, וואס לא הי' העולם כדאי להשתמש בו[41] (און דערפאר גנוז הקב"ה לצדיקים לע"ל)[42],

[און אפילו די דרגא פון אור וואס איז מאיר איצטער - איז למעלה משאר כל הבריאה[43]. וכידוע אויך די מעלת פון ענין אור (ראי') אז ענין זאינו דומה שמיעה לראי'[44], אז דורך ראי' (ע"י האור) דערזעט מען גלייך בסקירה אחת כל הענין כולו מיט אלע זיינע פרטים, ואדרבה - ווי די פרטים שטייען אין א מציאות אחת, שלמעלה מהתחלקות, דערנאך ווערט דאס נמשך מן הכלל אל הפרט; משא"כ דורך שמיעה, איז פונקט פארקערט: פריער הערט מען א פרט נאך א פרט, און מן הפרט קומט מען אל הכלל, ביז מ'שטעלט צוזאמען דעם ציור פון כל הענין].

ויש לומר, אז דאס איז בהתאם לזה וואס בראש חודש סיון (אחד בסיון)[45] - ביום ראשון בשנה זו - איז געווען דער ענין פון "ויחן" לשון יחיד, "כאיש אחד בלב אחד" (ע"ד דער ענין פון יום אחד, און אור, וועלכע איז (מצ"ע) למעלה מהתחלקות).

37*) שנת תשמ"ב (כשנאמרה שיחה זו). ולהעיר אשר בשנה זו (תשנ"ב) הקביעות דר"ח סיון, ראשון דימי הגבלה, היא ביום ראשון בשבוע.

שטייענדיק לעבן הר סיני ("נגד ההר"), וועלכער האט אין זיי (אויך) גע'פועל'ט אן עלי' (נאך בר"ח סיון), נאר זייער תאוה ותשוקה זאל זיין פארבונדן מיט זייער מציאות אלס נשמות בגופים (וועלכע זיינען **צוזאמען** מקבל די תורה) – דערפאר האט דער אויבערשטער אנגעזאגט "והגבלת גו' השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו גו'", ניט נאר מ'זאל ניט עולה זיין בהר (ע"ד עליית **וכלות הנפש** דבני אהרן), נאר אפילו ניט "נגוע (און) בקצהו".

---

*11) **וכידוע הדיוק דלכאורה כל הארבע שווין בכניסה**

ס"ג

. . בזמן מתן תורתנו יעדן יאר - קומט צו א חידוש אין דעם שלימות פון ביטול הגזירה **ודוקא** וחיבור עליונים ותחתונים, וואסעלכער **איז ביחס** בערך צו דעם חידוש ושלימות - איז דער ביטול הגזירה בשנים שלפני זה בדוגמא ווי קודם ביטול הגזירה, אז ס'איז נאך דא דער חילוק און העדר ההתאחדות צווישן עליונים און תחתונים.

און דעריבער, אין די ימי ההכנה צו זמן מתן תורתנו, פאדערן זיךביידע ענינים: די התקרבות צו שטיין "נגד ההר", און דער "ויחן שם ישראל", כאיש אחד בלב אחד, מיט די גרויסע השתוקקות צו קבלת התורה; וביחד עם זה – "והגבלת גו'", בכדי מ'זאל קענען מקבל זיין די תורה בשלימותה, אלס נשמות בגופים **ושניהם** בריאים, לאריכות ימים ושנים טובות, עס זאל זיין דער "(נכנס בשלום [ו])יצא בשלום". *[תחלה הי' כתוב "(נכנס בשלום) ויצא בשלום", והעביר הרבי את האות וא"ו כנ"ל]*

ס"ד

. . יעדער יום ראשון איז בדוגמת (דעם ערשטערן) יום ראשון, איז געווען – אור, וואס איז בכלל העכער פון דער (שאר כל ה)בריאה, ועאכו"כ דער אור שנברא ביום ראשון, וואס לא הי' העולם כדאי להשתמש בו (און דערפאר **איז** - גנזו הקב"ה לצדיקים לע"ל),

[און אפילו די דרגא פון אור וואס**עלכע** איז מאיר איצטער – איז למעלה משאר כל הבריאה. וכידוע אויך **ובהבנה** די מעלהת פון האור במהענין שאינו דומה שמיעה לראי', אז דורך ראי' (ע"י האור) דערזעט מען גלייך בסקירה אחת כל הענין כולו מיט אלע זיינע פרטים, ואדרבה – ווי די פרטים שטייען אין א מציאות אחת, שלמעלה מהתחלקות, דערנאך ווערט דאס נמשך מן הכלל אל הפרט; משא"כ דורך שמיעה, איז פונקט פארקערט: פריער הערט מען א פרט **און** נאך א פרט, **א.ז.וו.** און מן הפרטים קומט מען אל הכלל, ביז מ'שטעלט צוזאמען דעם ציור פון כל הענין].

ויש לומר, אז דאס איז בהתאם לזה וואס בראש חודש סיון (אחד בסיון) – ביום ראשון בשנה זו (**דהשיחה**) – איז געווען דער ענין פון "ויחן" לשון יחיד, "כאיש אחד בלב אחד" (ע"ד דער ענין פון יום אחד, און (**ויקרא אלקים ל**)אור (**יום**) וועלכע איז (מצ"ע) למעלה מהתחלקות) . .

-ע-

די כוונה איז אבער, אז דערנאך זאל דער גילוי פון ״יחיד״ און ״אחד״ אראפקומען אין פרטים, אין די גדרי ההתחלקות פון דער בריאה (תחתונים).

דעריבער קומט דערנאך ביום השלישי (ג׳ סיון) דער ציווי פון ״והגבלת גו׳ השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו גו׳״.

אבער דוקא דורך דער הגבלה, ווערן אידן מוכן צו מתן תורה, דער שלימות החיבור פון עליונים ותחתונים, און די התאחדות פון אידן מיטן אויבערשטן - ישראל וקוב״ה - ע״י אורייתא - כולא חד[46].

ה. וכמובן, אז בכל יום פון די שלשת ימי הגבלה - קומט צו אין דער עבודה פון ״והגבלת גו׳״ אלס הכנה צו מ״ת. ובנדו״ד - ביום שני פון די ימי הגבלה קומט צו דער ציווי ״וקדשתם היום ומחר גו׳״[47].

[וי״ל ע״ד הרמז אז יום זה איז אויך דער יום מ״ח לעומר, וואס איז במיוחד פארבונדן מיט תורה[48] - שני פעמים כד, כדכד (בגימטריא מ״ח)[49]. ועוד: דורך דעם איז מען מברר דעם ענין פון ״חם״, וואס איז פארבונדן מיט מציאות העולם כו׳].

וכאמור, דורך דעם - קומט צו דער עילוי אז ״ויהיו נכונים ליום השלישי״[47] - דער ענין פון מתן תורה - דער גילוי שער הנו״ן, ביז די מדריגה עליונה שבו[50], ביז - דאס וואס איז העכער פאר כל גדר שער וכו׳.

ו. ויש לקשר זה אויך מיט דעם שיעור תהלים פון יום זה (יום רביעי בחודש), וואס התחלתו[51] איז ״מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר״: אע״פ וואס ס׳איז דא דער ענין פון ״והגבלת גו׳ השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו״ - איז ״לא אחסר״[52], ״במדבר הזה שאני הולך בו בטוח אני שלא אחסר כלום״[53].

ואדרבה - כבסיום השיעור[54]: ״ה׳ עוז למו ומעוז ישועות משיחו הוא. הושיעה את עמך וברך את נחלתך ורעם ונשאם עד העולם״ - וואס דאס גייט אויף די גאולה האמיתית והשלימה (וואס מעין זה איז געווען בא מ״ת[55]), ווען עס וועט זיין ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״[56], און ״הושיעה את עמך גו׳ ורעם ונשאם עד העולם״ - שלימות הענין פון ״נשא את ראש״ (בפרשתנו).

ז. ולסיכום:

וויבאלד אז הימים האלה נזכרים ונעשים (כנ״ל ס״ג) - איז אין די ימי הכנה צו זמן מתן תורתנו דארף בא יעדער איד צוקומען אין די הכנות לזה, אנהויבנדיק פון דער עבודה פון ר״ח סיון - אהבת ישראל ואחדות ישראל (כאיש אחד בלב אחד), דערנאך (וביחד עם זה) אין דער עבודה פון ״והגבלת גו׳״, די זהירות פון עולה זיין בהר, ביז ״וקדשתם״ פון כל הענינים שלו - בהתאם צו ״גוי קדוש״,

ועוד ועיקר - דער מכוון ותכלית פון די אלע הכנות - גרייטן זיך צו מתן תורה און קבלת התורה, דורך מוסיף זיין נאמנ [בא]צער אין לימוד התורה, ובהקדמת נעשה לנשמע, כולל אין תורה עצמה - לימוד הלכות התורה,

. . דעריבער קומט דערנאך ביום השלישי (ג' סיון) דער ציווי פון "והגבלת גו' השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו גו'" . .

ס"ה

. . [וי"ל ע"ד הרמז אז יום זה איז אויך דער יום מ"ח לעומר, וואס איז במיוחד פארבונדן מיט תורה – שני פעמים כד, כדכד (בגימטריא מ"ח). ועוד: דורך דעם איז מען מברר דעם ענין פון "חם", וואס איז פארבונדן מיט מציאות העולם כו'].

וכאמור, דורך דעם – קומט צו דער עילוי אז "ויהיו נכונים ליום השלישי" – דער ענין פון מתן תורה – דער גילוי שער הנו"ן, ביז די מדריגה עליונה שבו, ביז – דאס וואס איז העכער פאר כל גדר שער וכו'.

ס"ו

. . ואדרבה – כבסיום השיעור: "ה' עוז למו ומעוז ישועות משיחו הוא. הושיעה את עמך וברך את נחלתך ורעם ונשאם עד העולם" – וואס דאס גייט אויף די גאולה האמיתית והשלימה (וואס מעין זה איז געווען בא מ"ת), ווען עס וועט זיין "ה' ימלוך לעולם ועד", און "הושיעה את עמך גו' ורעם ונשאם עד העולם" – שלימות הענין פון "נשא את ראש" (בפרשתנו).

ס"ז

ולסיכום:

וויבאלד אז הימים האלה נזכרים ונעשים (כנ"ל ס"ג) – איז אין די ימי הכנה צו זמן מתן תורתנו דארף בא יעדער אידן צוקומען אין די הכנות לזה, אנהויבנדיק פון דער עבודה פון ר"ח סיון – אהבת ישראל ואחדות ישראל (כאיש אחד בלב אחד), דערנאך (וביחד עם זה) אין דער עבודה פון "והגבלת גו'", די זהירות פון עולה זיין בהר, ביז "וקדשתם" פון כל הענינים שלו – בהתאם צו "גוי קדוש",

ועוד ועיקר – דער מכוון ותכלית פון די אלע הכנות – גרייטן זיך צו מתן תורה און קבלת התורה, דורך מוסיף זיין **נאכמער** אין לימוד התורה, ובהקדמת נעשה לנשמע, כולל אין תורה עצמה – לימוד הלכות התורה,

-5-

לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא, און דערנאך - פלפולי דאורייתא (דרוש וקבל שכר), כמדובר לעיל בארוכה[57].

כולל אויך ובמיוחד - לימוד פנימיות התורה, וואס דערביי במיוחד זעט מען ווי בדורות הראשונים איז אין דעם געווען "והגבלת גו"", די הגבלות פון לימוד פנימיות התורה דוקא "ביחיד", דערנאך איז געקומען די צייט וואס "מצוה לגלות זאת החכמה"[58] ~~[וואס דאס גופא איז מדגיש אז לפני זה איז דאס ניט געווען "לגלות"]~~, ביז - יפוצו מעינותיך חוצה אנהויבנדיק דורך דעם בעש"ט און מגיד, און דער עיקר בזה - האט זיך אנגעהויבן פון דעם אלטן רבי'ן (נאך פעטערבורג)[59], און רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

ותלמוד גדול שמביא לידי מעשה - הוספה בקיום המצוות בהידור, כולל ובמיוחד - מצות צדקה, דורך וועלכע עס ווערט "תרומם גוי" (כנ"ל ס"ב) - וואס "צדקה היא כללות כל התורה" (כמבואר אויך בתורה אור יתרו ד"ה בחודש השלישי[60]). דערפאר איז מתאים במיוחד איצטער צו מסיים זיין (כרגיל) מיט דעם ענין פון מאכן יעדערן פאר א שליח מצוה לצדקה, ובהוספה מדילי'.

און דורך דער הוספה בלימוד התורה וקיום המצוות בכלל, ובמיוחד פנימיות התורה - גיט דאס נאכמער צו אין דער הכנה צו קבלת התורה בשמחה ובפנימיות, ועוד ועיקר - די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וועלכער קומט במיוחד כשיפוצו מעינותיך חוצה[61],

וואס דעמולט וועט מען גיין ~~ברנה~~ בשמחה לארצנו הקדושה, און זינגען דעם ניגון [וניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א] "הושיעה את עמך וברך את נחלתך ורעם ונשאם עד העולם".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכל אחד ואחת שטר של דולר, לתת אותו (או חילופו) לצדקה, ובהוספה מדילי'].

——— * ———

לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא, און דערנאך – פלפולי דאורייתא (**ביז –** דרוש וקבל שכר), כמדובר לעיל בארוכה,

כולל אויך ובמיוחד – לימוד פנימיות התורה, וואס דערביי במיוחד זעט מען ווי בדורות הראשונים איז אין דעם געווען "והגבלת גו'", די הגבלות פון לימוד פנימיות התורה דוקא "ביחיד", דערנאך איז געקומען די צייט וואס "מצוה לגלות זאת החכמה" [וואס דאס גופא איז מדגיש אז לפני זה איז דאס ניט געווען "לגלות"], ביז – יפוצו מעינותיך חוצה אנהויבנדיק דורך דעם בעש"ט און **דעם** מגיד, און דער עיקר בזה, **בהפצה** – האט זיך אנגעהויבן פון דעם אלטן רבי'ן (נאך פעטערבורג), און רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

ותלמוד גדול שמביא לידי מעשה – הוספה בקיום המצוות בהידור, כולל ובמיוחד – מצות צדקה, דורך וועלכער עס ווערט "תרומם גוי" (כנ"ל ס"ב) – וואס "צדקה היא כללות כל התורה" (כמבואר אויך בתורה אור יתרו ד"ה בחודש השלישי). דערפאר איז מתאים במיוחד איצטער צו מסיים זיין (**ובפרט - שזהו** כרגיל) מיט דעם ענין פון מאכן יעדערן פאר א שליח מצוה לצדקה, ובהוספה מדילי'.

און דורך דער הוספה בלימוד התורה וקיום המצוות בכלל, ובמיוחד **ב**פנימיות התורה – גיט דאס נאכמער צו אין דער הכנה צו קבלת התורה בשמחה ובפנימיות, ועוד ועיקר – ~~די~~ **הקדמת הגאולה** האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וועלכער קומט במיוחד כשיפוצו מעינותיך חוצה,

וואס דעמולט וועט מען גיין ~~ברינה~~ ובשמחה לארצנו הקדושה, און זינגען דעם ניגון [וניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א] "הושיעה את עמך וברך את נחלתך ורעם ונשאם עד העולם".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכל אחד ואחת שטר של דולר, לתת אותו (או חילופו) לצדקה, ובהוספה מדילי'].

1 - הערות

1) שו"ע אדה"ז או"ח סו"ס תצד. 2) יתרו יט, יב. 3) שם, כג. 4) שם, כב; כד ובפרש"י. 5) ראה שבת פט, א. 6) נצבים ל, יב. וראה ב"מ נט, ב. 7) שמו"ר פט"ו, יב. דב"ר פ"ב, יד.

8) ראה בארוכה ד"ה אחרי מות תרמ"ט (מלפני מאה שנה). לקו"ש ח"ג ע' 987 ואילך. 9) ר"פ אחרי.

10) כפי שנצטווה לאחר מעשה נדב ואביהוא. וראה לקו"ש חכ"ז ע' 270.

11) שמות ג, ב. וראה לקו"ת שלח מה, ג. 12) חגיגה יג, סע"ב. טו, סע"ב (ע"פ גירסת הע"י). ירושלמי חגיגה פ"ב הי"א. 13) ראה ד"ה אחרי מות הנ"ל. לקו"ש שם ע' 990. 14) יתרו שם, ו.

15) רמב"ם סוף הל' שמיטה ויובל.

16) כפירוש חז"ל (אגדת בראשית פע"ט [פ]. וראה בעה"ט עה"פ) שממלכת כהנים קאי על כהנים גדולים.

17) רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ה ה"ז. 18) ב"ר פנ"ו, י. תוד"ה הר - תענית טז, א. לקו"ת ר"ה ס, ב.

19) תהלים קכב, ג. ירושלמי חגיגה פ"ג ה"ו. 20) מגילה כו, א.

21) וראה אגה"ק ס"ט: "גוי אחד בארץ" - "שגם בעניני ארץ לא יפרידו מאחד האמת ח"ו".

22) ראה אוה"ת יתרו ע' תתט ואילך. 23) א, ב. 24) בראשית (כרך ו) תתרכז, א ואילך.

25) משלי יד, לד.

26) אותיות ג' ו' י' שהם כנגד המדות, שנחלקין דרך כלל לג' בחינות חסד דין ורחמים (תו"א שם), היינו בחי' ההתחלקות (שלמטה מדרגת כהן גדול שמקומו בירושלים, שלמעלה מהתחלקות כנ"ל בפנים).

ומזה נשתלשל עד לבחי' "גוי" למטה, המורה על מציאות בנ"י למטה בעוה"ז הגשמי (בין שאר הגויים להבדיל).

27) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג. ועוד.

*27) וע"ד המבואר בענין צמצום הראשון (שהוא השרש להגזירה בין עליונים ותחתונים), דכשהי' אוא"ס ממלא מקום החלל לא הי' אפשר להיות מציאות העולמות, אבל לאחר שנתהוו העולמות יכולים לקבל גם האור הזה (שלפני הצמצום), וע"ד המבואר בע"ח (בתחלתו) לענין גילוי הקו, דאם הי' נשאר בתחלה הקו לא הי' אפשר להתהוות הכלים, ואחר שנתהוו גם כשמאיר בהם אור הקו אינם מתבטלים - המשך תרס"ו בתחלתו (ע' ד). ועיי"ש המשל מהשפעת השכל מהרב לתלמיד, דבאם הי' משפיע לו בתחלה עומק פנימיות חכמתו הרי לא הי' אפשר לקבל וצריך להשפיע לו אור מצומצם שלפי ערכו, ואחר שמקבל את האור המצומצם ונתפס ונקלט בשכלו אח"כ ה"ה בא אל עומק פנימיות שכל הרב.

28) יתרו יט, א. וראה תו"א יתרו ד"ה בחודש השלישי (סז, סע"ג). 29) יתרו שם, ב ובפרש"י. 30) דרך ארץ זוטא פרק השלום. וראה ויק"ר פ"ט, ט. פתיחתא דאיכ"ר כ. תנחומא (באבער) יתרו ט. ועוד.

### הערות

*27) וע״ד המבואר בענין צמצום הראשון (שהוא השרש להגזירה בין עליונים ותחתונים), דכשהי׳ אוא״ס ממלא מקום החלל לא הי׳ אפשר להיות מציאות העולמות, אבל לאחר שנתהוו העולמות יכולים לקבל גם האור הזה (שלפני הצמצום), וע״ד המבואר בע״ח (בתחלתו) לענין גילוי הקו, דאם הי׳ נשאר בתחלה הקו לא הי׳ אפשר להתהוות הכלים, ואחר שנתהוו גם כשמאיר בהם אור הקו אינם ~~מת~~בטלים – המשך תרס״ו בתחלתו (ע׳ ד). ועיי״ש המשל מהשפעת השכל מהרב לתלמיד, דבאם הי׳ משפיע לו בתחלה עומק פנימיות חכמתו ~~הרי~~ לא הי׳ **באפשריותו** לקבל וצריך להשפיע לו אור מצומצם שלפי ערכו, ואחר שמקבל את האור המצומצם ונתפס ונקלט בשכלו אח״כ ה״ה בא אל עומק פנימיות שכל הרב.

הערות - 2

31) אגדה - הובא בר״ן סוף פסחים. חינוך מצוה שו. 32) יתרו שם, כא.

33) וכמו שהי׳ בעת העשרת הדברות - שעל כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן והחזירן בטל של תחי׳ (שבת פח, א). 34) אסתר ט, כח. וראה רמ״ז בספר תיקון שובבי״ם, הובא ונת׳ בספר לב דוד להחיד״א פכ״ט.

35) ראה ספרי ופרש״י ואתחנן ו, ו. שו״ע אדה״ז או״ח סס״א ס״ב. 36) פרש״י עה״פ ביום הזה (יתרו יט, א). וראה גם מכתב ר״ח סיון שנה זו. וש״נ.

37) ובפרט ע״פ תורת הבעש״ט שהתהוות הבריאה היא בכל רגע ורגע מחדש ממש (שעהיוה״א פ״א), מעצמותו ית׳, שמציאותו מעצמותו ואין לו עילה שקדמה לו ח״ו כו׳ (אגה״ק ס״כ).

38) ראה לקו״ת שה״ש כה, סע״א ואילך. 39) בראשית א, ה. 40) ב״ר פ״ג, ח.

41) ראה שמו״ר רפל״ה. מדרש תהלים כז, א. זח״א רסד, א. יפ״ת לב״ר פ״ג, ו. וראה לקו״ש ח״י ע׳ 7-8. ס׳ הערכים חב״ד בערכו (אור שנברא ביום הראשון). וש״נ.

ולכל הדיעות - לא שימש האור (שנברא ביום ראשון) יותר משבעת ימי בראשית.

42) חגיגה יב, א. ב״ר פ״ג, ו. פי״א, ו. וש״נ. 43) ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 154. 44) מכילתא יתרו יט, ט. וראה פרש״י שם כ, יט.

45) ראה תו״א יתרו (סז, סע״ג) ש״ביום הזה״ (ר״ח סיון) היינו בחי׳ אור וגילוי כמ״ש ויקרא אלקים לאור יום.

46) ראה זח״ג עג, א. 47) יתרו יט, י.

48) ולהעיר שתורה נקנית במ״ח דברים (אבות פ״ו, ו). 49) ראה לקו״ת ראה ד״ה ושמתי כדכד. ובכ״מ.

50) ראה לקו״ת במדבר יב, א ואילך. 51) מזמור כג.

52) וראה הכותרת לפני קאפיטל זה בתהלים: כשהי׳ דוד המלך ביער חרת ולא הי׳ לו לאכול ולשתות וכמעט יצאה נשמתו והזדמן לו הקב״ה שטעם מעין עולם הבא כו׳.

53) פרש״י עה״פ. וראה חדא״ג מהרש״א פסחים קיח, א (הובא ברשימות הצ״צ להתלים שם (ע׳ פה)), שה׳ רועי הוא הלל הגדול, שעם היות שמגביהי לשבת משפילי לראות בארץ.

54) סוף מזמור כח. 55) תניא פל״ו. 56) בשלח טו, יח. וראה אבות ספ״ו. 57) שיחת ש״פ במדבר. 58) אגה״ק סכ״ו (קמב, ב). 59) ראה ספר השיחות תורת שלום ס״ע 112 ואילך. 60) סז, ג. 61) אגרת הבעש״ט הידועה - נדפסה בכתר שם טוב בתחלתה. ועוד.

37) ובפרט ע"פ תורת הבעש"ט שהתהוות הבריאה היא בכל רגע ורגע מחדש ממש (**תניא** שעהיוה"א פ"א), מעצמותו ית', שמציאותו מעצמותו ואין לו עילה שקדמה לו ח"ו כו' (אגה"ק ס"כ).

52) וראה הכותרת לפני קאפיטל זה בתהלים: כשהי' דוד המלך ביער חרת ולא הי' לו לאכול ולשתות וכמעט יצאה נשמתו והזדמן לו הקב"ה שטעם מעין עולם הבא כו'. *[הרבי סימן בעיגול תיבת "חרת", וכתב:]* ?

**בס״ד. משיחות יום ה׳ פ׳ קרח, בדר״ח תמוז* וש״פ קרח, ג׳ תמוז ה׳תנש״א**

א. ג׳ תמוז איז דער טאג ווען דער רבי דער שווער איז (אין יאר תרפ״ז - פרז״ת) באפרייט געווארן פון תפיסה בבית האסורים (״שפאלערקע״ אין לענינגראד), בתנאי אז ער זאל גלייך פארן אין גלות, אין עיר מקלט[1] קאסטראמא אויף דריי יאר[2].

בשעתו האט מען נאך ניט געוואוסט צי דאס איז א גוטע זאך[3] און ווי דאס וועט זיך אויסלאזן (ווארום הגם אז אן עיר מקלט איז א ״קלענערע״ תפיסה ווי א בית האסורים, איז דאס אבער פארט א פארשיקונג מיט אלע הגבלות שבזה[4], און ס׳איז נאך געבליבן די שטארקע סכנה אז מ׳קען חרטה האבן וכו׳)[5]; אבער דערנאך, אין דעם טאג פון י״ב תמוז[6], האט ער (אין קאסטראמא) באקומען די הודעה אז מ׳באפרייט אים, און די תעודת החופש וועט מען אים געבן אויף מארגן, י״ג תמוז, און דעמולט - בשעת ער איז אינגאנצן באפרייט געווארן - איז נתגלה געווארן, ווי ג׳ תמוז איז געווען די ״אתחלתא דגאולה״: נוסף אויף דעם וואס ער איז דעמולט ארויס פון בית האסורים, און פארשיקט געווארן אין אן עיר מקלט (א לייכטערער עונש) - האט מען זיך דערנאך דערוואוסט אז זיין פארשיקונג אין קאסטראמא איז געקומען אנשטאט דעם עונש וואס מ׳האט אים פריער פאר׳משפט אויף היפך החיים ר״ל, וואס דאס וואלט דאך איך איינגעשטעלט אין סכנה און אנגערירט - ר״ל - דעם המשך הענין פון הרבצת התורה וחיזוק היהדות בכלל און הפצת המעינות חוצה בפרט, און תמורת זה האט מען פארלייכטערט דעם עונש און אים פארשיקט אין גלות[7], ביז אז דאס האט דערפירט אז מ׳זאל אים אינגאנצן באפרייען בי״ב-י״ג תמוז. און צוליב דעם נס איז דער טאג באשטימט געווארן[8] אלס דער ״חג הגאולה״ מדי שנה בשנה.

שטעלט זיך די אויבנאויפיקע שאלה: וויבאלד אז די גאולה איז דאך געווען א נס פון דעם אויבערשטן (וואס דערפאר דארף זיין ״יודו לה׳ חסדו ונפלאותיו לבני אדם״[9]) - פארוואס איז דאס לכתחילה ניט געווען א נס בתכלית השלימות, אז די גאולה שלימה זאל קומען בשלימות בבת אחת, און ניט ווי ס׳איז געווען בפועל, אז דאס האט זיך אויסגעשטעלט אין שלבים: פריער די התחלת הגאולה - די יציאה מבית האסורים - בג׳ תמוז (אבער - מ׳פארשיקט אים אין גלות), און ערשט כמה ימים לאחרי זה, די שלימות הגאולה בי״ב-י״ג[10] תמוז?

נאכמער: אויך נאך י״ב-י״ג תמוז איז ניט געווען די שלימות הנצחון איבער דעם צד שכנגד (במדינה ההיא), ווי מ׳זעט בפועל אז עס זיינען דעמולט געבליבן די פארשידענע גזירות אויף די אידן במדינה ההיא ביז אז דער בעל הגאולה האט געדארפט (כביכול) פון דארט אוועקפארן, און די מניעות ועיכובים זיינען דארט געבליבן במשך כו״כ שנים לאחרי זה; און ערשט יעצט, בשנים הכי אחרונות - העכער זעכציק יאר נאך דער גאולה (בשנת תרפ״ז) - זעט מען דעם אויספיר פון דער גאולה - די גאולה פון אלע אידן פון יענע מדינה (וכדלקמן). וואס זיכער איז דער סדר בזה - אז די גאולה איז געקומען אין שלבים - בהשגחה פרטית, מיט א טעם בדבר[11], ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיט דער מאסר וגאולה פון א נשיא בישראל, און א גאולה כללית פאר אלע אידן (ווי דער בעל הגאולה שרייבט[8]: ״לא אותי בלבד גאל הקב״ה בי״ב תמוז, כי אם גם את כל מחבבי תורתנו הקדושה, שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה״).

בס"ד. משיחות יום ה' פ' קרח, בדר"ח תמוז וש"פ קרח, ג' תמוז ה'תנש"א

## ס"א

. . בשעתו האט מען נאך ניט געוואוסט צי דאס איז א גוטע זאך און ווי דאס וועט זיך אויסלאזן (ווארום הגם אז אן עיר מקלט איז א "קלענערע" תפיסה ווי א בית האסורים, איז דאס אבער פארט א פארשיקונג מיט אלע הגבלות שבזה, און ס'איז נאך געבליבן די ~~שטארקע~~ סכנה אז מ'קען חרטה האבן וכו') . .

. . נוסף אויף דעם וואס ער איז דעמולט ארויס פון בית האסורים, און פארשיקט געווארן אין אן עיר מקלט (א לייכטערער עונש) – האט מען זיך דערנאך דערוואוסט אז זיין פארשיקונג אין קאסטראמא איז געקומען אנשטאט דעם עונש וואס מ'האט אים פריער פאר'משפט אויף היפך החיים ר"ל, וואס דאס וואלט דאך ~~אויך~~ איינגעשטעלט אין סכנה און אנגערירט – ר"ל – דעם **גאנצען** המשך הענין פון הרבצת התורה וחיזוק היהדות בכלל און הפצת המעינות חוצה בפרט . .

. . און צוליב דעם נס איז דער טאג באשטימט געווארן אלס דער "חג הגאולה" מדי שנה בשנה . .

. . נאכמער: אויך נאך י"ב-י"ג תמוז איז ניט געווען די שלימות הנצחון איבער דעם צד שכנגד (במדינה ההיא), ווי מ'זעט בפועל אז עס זיינען דעמולט פארבליבן די פארשידענע גזירות אויף די אידן במדינה ההיא ביז אז דער בעל הגאולה האט געדארפט (כביכול) פון דארט אוועק~~גיין~~**פארען** . .

* וואס זיכער איז דער סדר בזה – אז די גאולה איז געקומען אין שלבים – בהשגחה פרטית . . *[הציון "*" פירושו סימון להתחלת פיסקא בפ"ע]*

ב. אין דעם טאג פון ג' תמוז - פיל יארן פריער - איז געווען א נס: אין דעם טאג[12] האט יהושע געזאגט[13] "שמש בגבעון דום", און "וידם השמש גו' עד יקום גוי אויביו"[14].

וויבאלד אז אלץ איז בהשגחה פרטית[15], ובכל שנה חזר'ן זיך איבער די ענינים ווי זיי זיינען געווען דעם ערשטן מאל[16], דארף מען זאגן אז עס איז זיכער דא א שייכות צווישן די צוויי נסים וואס האבן פאסירט ג' תמוז: "שמש בגבעון דום", און די התחלת הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (כדלקמן ס"ז)[17].

ע"ד ווי די שאלה הנ"ל בנוגע צו ג' תמוז (פארוואס דאס איז לכתחילה ניט געווען א נס באופן פון גאולה שלימה), פאדערט זיך אויך א הסברה בנוגע צו דעם נס פון "שמש בגבעון דום":

וויבאלד אז דא פאסירט ~~שוין~~ א נס, און אזא גרויסער נס ווי צו אפשטעלן דעם שמש (וואס דאס איז פון די גרעסטע נסים וואס האבן ווען עס איז פאסירט[18], ביז אז דער פסוק זאגט[19] "ולא הי' כיום ההוא לפניו ואחריו") בכדי אז יהושע און די אידן זאלן קענען ממשיך זיין די מלחמה דורך זען די אויבים און זיי נאכלויפן ("כי בעת ההיא עמד השמש נוכח גבעון וחשש פן ישקע בעונתו ולא יוכלו לרדוף אחרי האויב באישון הלילה, ולזה אמר להשמש שלא ילך מהלכו וימתין עוד נוכח גבעון, במקום שהוא עומד"[20]) - האט דאך דער נס שוין געקענט זיין א נס בשלימות, אז אנשטאט אפשטעלן דעם שמש בכדי מ'זאל קענען מלחמה האבן (בדרך הטבע) לאור היום, האט דער נס געדארפט זיין (ד.ה. אז יהושע האט געקענט און געדארפט בעטן בא דעם אויבערשטן) אז מ'זאל לכתחילה מנצח זיין אין דער מלחמה (און בכלל ניט דארפן אנקומען צו אפשטעלן דעם שמש, אדער באופן אז אויך בלילה זאל מען קענען מלחמה האבן, ע"ד "ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם"[21] בעת ס'איז געווען חושך בא די מצריים, וכיו"ב), און ווי עס שטייט אין דעם פסוק שלפני זה[22], אז "וה' השליך עליהם אבנים גדולות מן השמים גו'"?

אויך אין דעם עצם נס וואס "ויעמוד השמש" - יש לחקור אין וועלכן אופן איז געווען דער נס: צי דאס איז געווען נאר בנוגע דעם פרט וואס איז נוגע צו אויספירן תכלית הנס - אז עס זאל בלייבן לייכטן דעם אור השמש (אור היום), וואס דערצו פאדערט זיך אז נאר דער (גלגל ה)שמש אליין זאל זיך אפשטעלן און ממשיך זיין לייכטן על הארץ (ועד"ז "וירח בעמק אילון"[13]); אדער דער נס איז געווען אין דעם גאנצן סדר פארבונדן מיט מהלך השמש, ד.ה. אז דער נס האט אפגעשטעלט אויך די אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט מהלך השמש - די סיבות לזה (מהלך גלגל היומי, ובמילא - מהלך כל הגלגלים[23], וואס ווערט דורך דעם סיבוב פון גלגל היומי, "המקיף ומסבב את הכל"[24]), און אויך די תוצאות מזה (דער סיבוב פון די גלגלים קטנים אין גלגל השמש עצמו[25], וכיו"ב)[26].

דער חילוק צווישן די צוויי אופנים איז: צי דאס איז א נס וואס איז משדד - צובריכט - טבע, דורך דעם וואס מ'שטעלט אפ נאר דעם שמש (וירח) אליין, ~~ובמילא איז דאס משדד דעם טבע פון גלגל השמש (ווי דאס איז פארבונדן מיט מהלך פון די אנדערע גלגלים)~~; אדער א נס וואס פועל'ט אין דעם טבע השמש עצמו, ובמילא אין דעם גאנצן סדר המהלך הטבעי פון דעם שמש (פארבונדן מיט מהלך כל הגלגלים).

ס״ב

אין דעם טאג פון ג׳ תמוז – פיל יארן **פיל דורות פיל פיל דורות** פריער – איז געווען ~~נאך~~ א נס: אין דעם טאג האט יהושע געזאגט "שמש בגבעון דום", און "וידם השמש גו׳ עד יקום גוי אויביו" . .

. . וויבאלד אז דא פאסירט ~~שוין~~ א נס, און אזא גרויסער נס ווי צו אפשטעלן דעם שמש . .

. . האט דאך דער נס [געקענט שוין] זיין א נס בשלימות . . *[תחלה הי׳ כתוב "שוין געקענט", ושינה הסדר כנ״ל]*

. . אדער דער נס איז געווען אין דעם גאנצן סדר **זיינעם** פארבונדן מיט מהלך השמש) . .

. . און אויך די תוצאות מזה **און** ~~(~~דער סיבוב פון די גלגלים קטנים אין גלגל השמש עצמו, וכיו״ב~~)~~.

דער חילוק צווישן די צוויי אופנים איז: צי דאס איז א נס וואס איז משדד – צוברעכט – טבע, דורך דעם וואס מ׳שטעלט אפ נאר דעם שמש (וירח) אליין, ~~ובמילא איז דאס משדד דער טבע פון מהלך השמש (ווי דאס איז פארבונדן מיט מהלך פון די אנדערע גלגלים)~~; אדער א נס וואס פועל׳ט אין דעם טבע השמש ~~עצמו~~, ובמילא **אויך** אין דעם <u>גאנצן סדר</u> המהלך הטבעי פון דעם שמש (פארבונדן <u>מיט מהלך כל הגלגלים</u>).

ויש לומר אז דאס איז ע"ד די צוויי סוגים"[26] אין נסים[27]: (א) דער נס איז ניט משנה טבע הדבר, ס'איז נאר א נס לפי שעה (ווי דער נס פון מכת דם, אז אפילו ווען די מים "נהפכו לדם"[28] זיינען זיי פארבליבן אין דעם מהות פון מים, ניט מער וואס מצד הנס איז בפועל (ובחיצוניות) די מים געווען דם. און ~~דעריבער~~ ווען דער נס איז נפסק געווארן, איז ממילא נתבטל געווארן דער שינוי המים לדם. ובנדו"ד – אז "וידם השמש" איז נאר געווען א נס ~~לפי שעה (נאר~~ ביחס צו דעם שמש אליין), און דערנאך האט זיך ~~ממילא~~ אומגעקערט דער סדר הקבוע פון מהלך השמש בתוך מהלך שאר הגלגלים, ~~ובמילא איז ניט נשתנה געווארן דער ענין הזמן~~. (ב) א נס וואס איז משנה טבע ומציאות הדבר (ווי דער נס פון "ידו מצורעת כשלג"[29], וואס נאכן נס איז ~~דער~~ צרעת אויפן האנט געווען באופן טבעי), ~~עד כדי כך אז~~ בכדי צוריקקערן צו טבעו הקודם דארף מען אנקומען צו נאך א נס. ובנדו"ד – אז דער "וידם השמש" האט משנה געווען דעם סדר המהלך הטבעי פון שמש (וחשבון הזמן) לעולם ועד.

ג. ~~וועט מען דאס פארשטיין בהקדים דעם~~ ביאור אויף אן ענלעכע שאלה אין אונזער פרשה – בנוגע צו דעם נס פון "פרח מטה אהרן"[30]:

בהמשך צו דעם ערעור על הכהונה פון קרח ועדתו האט דער אויבערשטער געהייסן משה'ן נעמען א מטה פון יעדער שבט, "שנים עשר מטות איש את שמו תכתוב על מטהו, ואת שם אהרן תכתוב על מטה לוי", "והי' האיש אשר אבחר בו מטהו יפרח"[31]. וכך הוה – אז משה האט אוועקגעלייגט די אלע מטות "לפני ה' באוהל העדות"[32], און אויף מארגן – "ויבוא משה אל אהל העדות והנה פרח מטה אהרן לבית לוי, ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים"[30], און משה האט ארויסגעטראגן אלע מטות בכדי אלע אידן זאלן דאס זען[33], און דער אויבערשטער האט געזאגט[34] "השב את מטה אהרן לפני העדות למשמרת לאות", "לזכרון שבחרתי באהרן הכהן כו'"[35].

דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז "פרח מטה אהרן" איז געווען אינגאנצן א נס בכדי באוויזן אויף בחירת הקב"ה בכהונת אהרן – וואלט געווען גענוג ווען עס וואלטן ~~ארויסגעוואקסן~~ פארטיקע שקדים אויף דעם מטה, וואס דאס אליין וואלט שוין געווען א סימן פאר אידן, ד.ה. אז ס'איז לכאורה גענוג אז דער נס איז נאר אין דעם פרט וואס איז נוגע צו תכלית הנס ("שבחרתי באהרן הכהן") – צוליב וואס האט דער נס פון צמיחת שקדים געדארפט זיין (כאילו) א צמיחה וגידול בסדר טבעי – "ויצא פרח ויצא ציץ ויגמול שקדים" (און דאס אלץ האט משה באוויזן אידן[36]), און נאכמער – "למשמרת" איז געבליבן ניט נאר מטה אהרן און די שקדים, נאר אויך די פרחים, ווי די גמרא זאגט[37] "משנגנז ארון נגנז עמו כו' מקלו של אהרן בשקדי' ופרחי'"[38]?!

איז דער נקודת הענין אין דעם[39]: די תכלית און חידוש פון דעם נס איז, אז הגם וואס א מטה מצד עצמו איז בטבעו ניט שייך צו פריחה און צמיחת פירות, דאס קען זיין נאר בכחו של הקב"ה (א נס), פונדעסטוועגן, האט דער נס אויפגעטאן אין מטה אהרן, אז ס'איז געווען און געבליבן ניט סתם אן ענין נסי שלמעלה לגמרי פון טבע ~~(און וועלכער ברעכט טבע)~~, נאר דאס ווערט פארבונדן מיט דעם טבע המטה ~~(ווי דער צווייטער סוג אין נסים הנ"ל)~~. און דערפאר איז דער אופן הפריחה געווען אין א סדר טבעי פון צמיחת פירות[40]: "ויוצא פרח (כמשמעו[41]) ויצץ ציץ (חנטת הפרי כשהפרח נופל[41])

ויש לומר אז דאס איז ע״ד די צוויי סוגים אין נסים: (א) ~~דער נס איז ניט משנה טבע הדבר, ס׳איז נאר א נס לפי שעה (ווי דער נס פון מכת דם, אז אפילו ווען די מים ״נהפכו לדם״ זיינען זיי פארבליבן אין דעם מהות פון מים, ניט מער וואס מצד הנס איז בפועל (ובחיצוניות) די מים געווען דם~~. און ~~דעריבער~~, ווען דער נס איז נפסק געווארן, איז <u>ממילא</u> נתבטל געווארן דער שינוי המים לדם. ובנדו״ד – אז ״וידם השמש״ איז נאר געווען א נס ~~לפי שעה (נאר~~ ביחס צו דעם שמש אליין), און דערנאך האט זיך ~~ממילא~~ אומגעקערט דער סדר הקבוע פון מהלך השמש בתוך מהלך שאר הגלגלים, ~~ובמילא איז ניט נשתנה געווארן דער ענין הזמן~~. (ב) א נס וואס איז משנה טבע ומציאות הדבר (ווי דער נס פון ״ידו מצורעת כשלג״, וואס נאכן נס איז ~~דער~~ **די** צרעת אויפן האנט געווען באופן טבעי), ~~עד כדי כך אז~~ **און** בכדי צוריקקערן צו טבעו הקודם דארף מען אנקומען צו נאך א נס. ~~ובנדו״ד - אז דער ״וידם השמש״ האט משנה געווען דעם סדר המהלך הטבעי פון שמש (וחשבון הזמן) לעולם ועד.~~

ס״ג

~~וועט מען דאס פארשטיין בהקדים דעם~~ **וי״ל שעד״ז הוא ב**ביאור אויף אן ענלעכע שאלה אין אונזער פרשה – בנגוע צו דעם נס פון ״פרח מטה אהרן״ . .

. . דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז ״פרח מטה אהרן״ איז געווען ~~אינגאנצן~~ א נס בכדי באווייזן אויף בחירת הקב״ה בכהונת אהרן – וואלט געווען גענוג ווען עס וואלטן ~~אויסגעוואקסן~~ **געווארען** פארטיקע שקדים אויף דעם מטה, וואס דאס ~~אליין~~ וואלט ~~שוין~~ געווען א סימן פאר אידן, ד.ה. אז ס׳איז לכאורה גענוג אז דער נס איז נאר אין דעם <u>פרט</u> וואס איז נוגע צו ~~תכלית~~ **כוונת** הנס (״שבחרתי באהרן הכהן״) – צוליב וואס האט דער נס פון ~~צמיחת~~ שקדים געדארפט זיין ~~(כאילו)~~ א צמיחה וגידול בסדר טבעי – ״ויצא פרח ויצא ציץ ויגמול שקדים״ (און דאס אלץ האט משה באוויזן אידן), און נאכמער – ״למשמרת״ **ס׳א**איז געבליבן ניט נאר מטה אהרן און די שקדים, נאר אויך די פרחים, ווי די גמרא זאגט ״משנגנז ארון נגנז עמו כו׳ מקלו של אהרן בשקדי׳ <u>ופרחי׳</u>״״?!

איז דער נקודת הענין אין דעם: די תכלית און חידוש פון דעם נס איז, אז הגם וואס א מטה מצד עצמו איז בטבעו ניט שייך צו פריחה און צמיחת פירות, דאס קען זיין נאר בכחו של הקב״ה (א נס), פונדעסטוועגן, האט דער נס אויפגעטאן אין מטה אהרן, אז ס׳איז געווען און געבליבן ניט סתם אן ענין נסי שלמעלה לגמרי פון טבע ~~(און וועלכער ברעכט טבע)~~, נאר דאס ווערט פארבונדן מיט דעם <u>טבע המטה</u> ~~(ע״ד דער צווייטער סוג אין נסים הנ״ל)~~. און דערפאר איז דער אופן הפריחה געווען אין א סדר <u>טבעי</u> **(אבל לא בהגבלת הזמן)** פון צמיחת פירות: ״ויוצא פרח (כמשמעו) ויצץ ציץ (חנטת הפרי כשהפרח נופל) ויגמול שקדים (<u>כשהוכר</u> הפרי הוכר שהן שקדים)״.

[און דאס האט באוויזן אידן, אז בחירת הקב״ה אין אהרן הכהן איז באופן אז די כהונה ווערט ביי אים זיין <u>טבעיות׳דיקע</u> ~~(ועצמיות׳דיקע)~~ מעלה (וואס בלייבט שטענדיק ביי אהרן ובניו)] .

.

ויגמול שקדים (כשהוכר הפרי הוכר שהן שקדים[41])״.

[און דאס האט באוויזן אידן, אז בחירת הקב״ה אין אהרן הכהן איז באופן אז די כהונה ווערט ביי אים זיין טבעיות׳דיקע (ועצמיות׳דיקע) מעלה (וואס בלייבט שטענדיק ביי אהרן ובניו)].

ועד״ז איז אויך דער ביאור אין דעם נס פון ״שמש בגבעון דום״, און דער נס הגאולה פון ג׳ תמוז, כדלקמן.

ד. ויש לומר דער ביאור בזה:

חז״ל זאגן[42] אז ״כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו״. ד.ה. אז יעדער זאך אין עולם – אע״פ וואס עולם איז מלשון העלם והסתר[43] – איז באשאפן געווארן בכדי מגלה זיין כבודו של הקב״ה, און דאס ווערט אויפגעטאן דורך דער עבודה פון א אידן וואס ער נוצט אויס די עניני העולם לכבודו של הקב״ה.

און דער טעם והכרח אויף דעם איז אויך מרומז אין לשון המשנה ״(כל מה) שברא הקב״ה״: וויבאלד אז דער אויבערשטער האט מודיע געווען בתורתו אז ״ברא הקב״ה״ – אז ער האט באשאפן די זאך און מודיע געווען ווי ער האט אים באשאפן, אז ער האט אים באשאפן אין אן אופן אז ער נעמט כביכול זיינע כחות און צייט (די ששת ימי בראשית) צו באשאפן יעדער נברא מיט א כח מיוחד – דער כח פון התהוות יש מאין וואס איז דוקא בכח העצמות[44], ובפרט ע״פ תורת הבעש״ט[45] אז די התהוות הבריאה ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מאין ואפס ממש – איז דאס א הוכחה אז דער אויבערשטער וויל אז די נבראים זאלן האבן א שייכות מיט זייער (כח ה)בורא (דער אויבערשטער), ביז אז זיי זאלן (קענען) צוגעבן בכבודו של הקב״ה,

ווייל אויב ניט שטעלט זיך די שאלה: פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט (ניט אין אן ״אפגעטראגענעם״ אופן, אז די בריאה, למשל, ווייסט ניט אז ״ברא הקב״ה״, און ווייסט ניט דעם אופן שברא, בעשרה מאמרות[46] וכיו״ב, נאר) אין אן אופן אז ער ״ארייגעלייגט״ זיין כח (העצמות) און זיינע עשרה מאמרות אין דער בריאה, און נאכמער: פארוואס האט ער באשאפן די וועלט אין אן אופן אז ער איז אים מהוה בכל רגע מחדש – ער האט דאך אים געקענט באשאפן מיט אזא כח חזק, אז דורך זיין התהוות בפעם הראשונה זאל ער האבן דעם כח צו בלייבן קיים שית אלפי שנין[47], און ניט דארפן אנקומען בכל רגע צו א התהוות חדשה פון דעם דבר ה׳[48]?

נאר דער טעם אויף דעם איז, ווייל עלה ברצונו ית׳ אז יעדער נברא זאל פילן ווי ער טוט אויף (אדער דורך אים טוט זיך אויף) א הוספה וחידוש [וואס דעמולט האט א נברא אמת׳ע און שלימות׳דיקע פארגעניגן, כטבע הבריאה אז ״אדם[49] רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו״[50]]. ד.ה. אז נוסף אויף דעם וואס ער איז מקיים וואס דער אויבערשטער הייסט אים, טוט ער אויף פון זיך א הוספה; און וואס איז אן אמת׳ער אויפטו – וואס דוקא דער אויבערשטער איז אמת – איז בשעת ער איז פארבונדן מיט דעם אויבערשטן, ער איז מגלה כבודו של הקב״ה.

און צוליב דעם האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן זיין כח הבריאה אין דער וועלט, ובאופן אז ער באשאפט איר שטענדיק בכל רגע מחדש – ווייל דאס פארבינדט יעדער נברא מיט דעם אויבערשטן, ובכל הפרטים ובכל פרטי הזמן, בכל רגע ורגע – אז בכל פרט ופרט ובכל רגע ורגע האט דער נברא

ויגמול שקדים (<u>כשהוכר</u> הפרי הוכר שהן שקדים)".

[און דאס האט באוויזן אידן, אז בחירת הקב"ה אין אהרן הכהן איז באופן אז די כהונה ווערט ביי אים זיין <u>טבעיות'דיקע</u> (ועצמיות'דיקע) מעלה (וואס בלייבט שטענדיק ביי אהרן ובניו)] .
.

### ס"ד

. . און דער טעם והכרח אויף דעם איז אויך מרומז אין לשון המשנה "(כל מה) <u>שברא הקב"ה</u>": וויבאלד אז דער אויבערשטער האט מודיע געווען בתורתו אז "ברא הקב"ה" – אז ער האט באשאפן די זאך און מודיע געווען ווי ער האט איבער באשאפן, און ער האט איבער באשאפן אין אן אופן אז ער נעמט כביכול זיינע כחות און צייט (די ששת ימי בראשית) צו באשאפן יעדער נברא מיט א כח מיוחד – דער כח פון התהוות יש מאין וואס איז דוקא בכח העצמות, ובפרט ע"פ תורת הבעש"ט אז די התהוות הבריאה ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מאין ואפס ממש – איז דאס א הוכחה אז דער אויבערשטער וויל אז די נבראים זאלן האבן א שייכות מיט זייער (כח ה)בורא (דער אויבערשטער), ביז אז זיי זאלן (קענען) צוגעבן **כביכול** בכבודו של הקב"ה,

ווייל אויב ניט שטעלט זיך די שאלה: פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט (ניט אין אן "אפגעטראגענעם" אופן, אז די בריאה, למשל, ווייסט ניט אז "ברא הקב"ה", און ווייסט ניט דעם אופן שברא, בעשרה מאמרות וכיו"ב, נאר) אין אן אופן אז ער **האט** "אריינגעלייגט" זיין כח (העצמות) און זיינע עשרה מאמרות אין דער בריאה, און נאכמער: פארוואס האט ער באשאפן די וועלט אין אן אופן אז ער איז איבער מהוה בכל רגע מחדש – ער האט דאך איבער געקענט באשאפן מיט אזא כח חזק, אז דורך זיין התהוות בפעם הראשונה זאל ~~עד~~ **די וועלט** האבן דעם כח צו בלייבן קיים שית אלפי שנין, און ניט דארפן אנקומען בכל רגע צו א התהוות חדשה פון דעם דבר ה'?

~~נאך~~ **וי"ל** **דער**~~ם~~ טעם אויף דעם ~~איז~~, ווייל עלה ברצונו ית' אז יעדער נברא זאל פילן ווי ער טוט אויף (אדער דורך אים טוט זיך אויף) א הוספה וחידוש [וואס דעמולט האט א נברא **אן** אמת'ע און שלימות'דיקע פארגעניגן, כטבע הבריאה אז "אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו"]. ד.ה. אז נוסף אויף דעם וואס ער איז מקיים וואס דער אויבערשטער הייסט אים, טוט ער אויף **כביכול** פון זיך א הוספה; . .

~~און~~ וואס איז אן <u>אמת'ער</u> אויפטו – ~~וואס דוקא דער~~ אויבערשטער ~~איז אמת~~ – . . [*תיבת "אויבערשטער לא מחק, אלא סימן בעיגול להוציא*]

~~איז~~ בשעת ער איז פארבונדן מיט דעם אויבערשטן, [איז ער] מגלה כבודו של <u>הקב"ה</u> . . [*תחלה הי' כתוב "ער איז", ושינה הסדר כנ"ל*]

און צוליב דעם האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן זיין כח הבריאה אין דער וועלט, ובאופן אז ער באשאפט איר שטענדיק בכל רגע מחדש – ווייל דאס פארבינדט יעדער נברא **יעדער רגע** מיט דעם אויבערשטן, ~~ובכל הפרטים ובכל פרטי הזמן, בכל רגע ורגע~~ – אז בכל פרט ופרט ובכל רגע ורגע האט דער נברא

דעם כח צו מגלה זיין כבודו של הקב"ה מחדש (דער דבר ה' וואס האט אים איצטער מחי' געווען מחדש)[51].

אויב די בריאה וואלט באשאפן געווארן אין אן אופן אז ער האט כחו של הקב"ה, ~~אבער~~ דאס איז א כח חזק וואס שטייט אויף א משך זמן (און ווערט ניט נתחדש בכל רגע ורגע) – וואלט דער גילוי פון כבודו של הקב"ה געווען ~~נאר~~ באופן כללי און אן איין מאליקע זאך. דורך דעם וואס בכל רגע ווערט יעדער נברא באשאפן מחדש בדבר ה', ~~גיט דאס די מעגלעכקייט צו~~ מגלה ~~זיין~~ בכל רגע מחדש כבודו של הקב"ה. לדוגמא: דורך טרינקען וואסער – מאכט א איד די ברכה "שהכל נהי' בדברו"[52], און איז דורך דעם מגלה די הוספה וחידוש וואס די וואסער טוט אויף [ווייל אן די וואסער ~~איז דאס א~~ ברכה ~~לבטלה ח"ו~~ בגילוי כבודו של הקב"ה, "שהכל נהי' בדברו" (דעם דבר ה' וואס האט ער'שט מחי' געווען די וואסער מחדש, און – "שהכל נהי' בדברו", דאס איז מגלה דעם דבר ה' בכל הנבראים), און בשעת ער טרינקט וואסער און מאכט נאך א ברכה א ~~ווייל~~ שפעטער, איז דאס מגלה דעם דבר ה' ("דברו") החדש וואס קומט דעמולט צו אין אים (דעם מברך) און בכל העולם[53] [וועד"ז דורך א ברכה פרטית, "בורא פרי הגפן"[54] וכיו"ב – דעם דבר ה' החדש אין אלע "פרי הגפן" בכל העולם], א.א.וו.[54]

ה. ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו גילוי כבודו של הקב"ה בכללות הבריאה (טבע), עד"ז איז דאס אויך אין דעם גילוי אלקות דורך נסים: די שלימות הכוונה ~~איז א נס איז~~, אז דער נס זאל ניט בלייבן אן איין מאליקע זאך וואס איז אינגאנצן העכער פאר טבע [~~ע"ד ווי עס וואלט געווען בהתהוות הבריאה אויב דאס וואלט געווען אן איין=מאליקער כח חזק אריינגעגעבן אין דער בריאה אויף שית אלפי שנין~~], נאר אז דער נס זאל פארבונדן ווערן און דורכנעמען דעם טבע און אלע פרטי הטבע, אז דער טבע פון דער נברא, און יעדער פרט אין זיין טבע, די גאנצע סדר השתלשלות אין א דבר טבעי (די סיבה ומסובב ותוצאות כו'), זאל פון זיך אליין (אויך נאך דעם נס) מסייע זיין און (נאכמער –) מגלה זיין כבודו של הקב"ה (די כוונה אלקית) צוליב וועלכן דער נס איז געקומען [ע"ד ווי יעדער נברא מצד טבעו ~~הוא~~ זאל שטענדיק מגלה זיין כבודו של הקב"ה – דער דבר ה' וואס איז שטענדיק מהוה די בריאה].

עד"ז איז פארשטאנדיק ~~אויך~~ בנוגע צו דעם נס פון "פרח מטה אהרן" – אז דער נס (וועלכער איז געקומען צו מגלה זיין "שבחרתי באהרן הכהן") האט אויפגעטאן אין מטה אהרן, אז ס'איז געווארן און געבליבן פארבונדן מיט דעם טבע המטה, אזוי אז ~~דאס האט גורם געווען או~~ דער אופן הפריחה זאל זיין אין א סדר טבעי פון צמיחת פירות, מיט דעב גאנצעב סדר השתלשלות שבזה, "ויוצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים".

ויש לומר – בלשון החסידות – די שייכות מיט כהונה דוקא: דער[55] אויפטו פון כהונה (ברכת כהנים) איז, אז דאס איז ממשיך פון למעלה מסדר השתלשלות[56]. און דערפאר איז דאס פארבונדן מיט זריזות ("עד מהרה ירוץ דברו"[57]), וואס מטעם זה איז דער סימן לבחירת הקב"ה בכהונת אהרן פון שקדים דוקא, ווייל זיי זיינען "ממהרים לגמור יותר מכל הפירות"[58] (בכ"א יום[59], שנעלער פאר אלע אנדערע פירות), און בנדו"ד איז די מהירות געווען (ניט בכ"א יום, נאר) בתוך לילה[30] –

דעם כח צו מגלה זיין כבודו של הקב״ה מחדש (דער דבר ה׳ וואס האט אים ~~איצטער~~ **די רגע ממש** מחי׳ געווען מחדש).

אויב די בריאה וואלט באשאפן געווארן אין אן אופן אז ער האט כחו של הקב״ה, ~~אבער~~ **און** דאס איז א כח חזק וואס שטייט **לתמיד אדער** אויף א משך זמן (און ווערט ניט נתחדש בכל רגע ורגע) – וואלט דער גילוי פון כבודו של הקב״ה געווען ~~נאר~~ באופן כללי און אן איין מאליקע זאך. דורך דעם וואס בכל רגע ווערט יעדער נברא באשאפן מחדש בדבר ה׳, ~~גיט דאס די מעגלעכקייט צו~~ **איז מען** מגלה ~~זיין~~ בכל רגע מחדש כבודו של הקב״ה. לדוגמא: דורך טרינקען וואסער – מאכט א איד די ברכה ״שהכל נהי׳ בדברו״, און איז דורך דעם מגלה די הוספה וחידוש וואס די וואסער טוט אויף [ווייל אן די וואסער ~~איז דאס א~~ **זאג ער ניט די ברכה** ~~לבטלה ח״ו~~] בגילוי כבודו של הקב״ה, ״שהכל נהי׳ בדברו״ (דעם דבר ה׳ וואס האט ~~ערשט~~ מחי׳ געווען די וואסער מחדש, און – ״שהכל נהי׳ בדברו״, דאס איז מגלה דעם דבר ה׳ בכל הנבראים), און בשעת ער טרינקט וואסער און מאכט נאך א ברכה א ~~ווילע~~ **זמן** שפּעטער, איז דאס מגלה דעם דבר ה׳ (״דברו״) החדש וואס קומט דעמולט צו אין אים (דעם מברך) און בכל העולם [ועד״ז דורך א ברכה פּרטית, ״בורא פרי הגפן״ וכיו״ב – דעם דבר ה׳ החדש אין אלע ״פּרי הגפן״ בכל העולם], א.א.וו.

ס״ה

ע״ד ווי דאס איז בנוגע צו גילוי כבודו של הקב״ה בכללות הבריאה (טבע), עד״ז איז דאס אויך אין דעם גילוי אלקות דורך נסים: די שלימות הכוונה ~~אין א נס איז~~ **ברוב הנסים איז**, אז דער נס זאל ניט בלייבן אן ~~איין מאליקע~~ **א** זאך וואס איז אינגאנצן העכער פאר טבע ~~[ע״ד ווי עס וואלט געווען בהתהוות הבריאה אויב דאס וואלט געווען אן איין-מאליקער כח חזק אריינגעגעבן אין דער בריאה אויף שית אלפי שנין]~~, נאר אז דער נס זאל פארבונדן ווערן און דורכנעמען דעם טבע און ~~אלע~~ פּרטי הטבע, ~~אז דער טבע פון דער נברא, און יעדער פרט אין זיין טבע, די גאנצע סדר השתלשלות אין א דבר טבעי (די סיבה ומסובב ותוצאות כו׳), זאל פון זיך אליין (אויך נאך דעם נס) מסייע זיין און (נאכמער –) מגלה זיין כבודו של הקב״ה (די כוונה אלקית) צוליב וועלכן דער נס איז געקומען [ע״ד ווי יעדער נברא מצד טבעו הוא זאל שטענדיק מגלה זיין כבודו של הקב״ה – דער דבר ה׳ וואס איז שטענדיק מהווה די בריאה].~~

עפּד״ז איז ~~פארשטאנדיק אויך~~ בנוגע צו דעם נס פון ״פרח מטה אהרן״ – אז דער נס (וועלכער איז געקומען צו מגלה זיין ״שבחרתי באהרן הכהן״) האט אויפגעטאן אין מטה אהרן, אז ס׳איז געווארן און געבליבן פארבונדן מיט דעם טבע המטה, אזוי אז ~~דאס האט גורם געווען אז~~ דער אופן הפריחה זאל זיין אין א סדר טבעי פון צמיחת פירות, מיט דעם גאנצעם סדר השתלשלות שבזה, ״ויוצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים״.

ויש לומר – בלשון החסידות – די שייכות מיט כהונה דוקא: דער אויפטו פון כהונה (ברכת כהנים) איז, אז דאס איז ממשיך פון למעלה מסדר השתלשלות. און דערפאר איז דאס פארבונדן מיט זריזות (״עד מהרה ירוץ דברו״), וואס מטעם זה איז דער סימן לבחירת הקב״ה בכהונת אהרן ~~פון~~ **אין** שקדים דוקא, ווייל זיי זיינען ״ממהרים לגמור יותר מכל הפירות״ (בכ״א יום, שנעלער פאר ~~אלע~~ אנדערע פירות), און בנדו״ד איז די מהירות געווען (ניט בכ״א יום, נאר) בתוך לילה . .

ווארום זריזות ומהירות באווייזט אויף א המשכה שלמעלה מסדר השתלשלות: א המשכה שבסדר השתלשלות איז ״מתעכב ושוהה עד שנמשך ובא למטה שהרי בכל השתלשלות מהיכל להיכל הוא ע״י משפט אם ראוי הוא כו׳״[60], משא״כ בברכת כהנים ווערט דער שפע נמשך ״במהירות דרך כל העולמות באין מונע ומעכב כו׳״[60]. לאידך גיסא - איז די המשכה (במהירות) שלמעלה מסדר השתלשלות ווערט נמשך ״דרך כל העולמות״, ווי ס׳איז מודגש אין דעם נס פון ״פרח מטה אהרן״, אז ביחד עם זה וואס דאס איז א נס און געקומען במהירות, איז דאס פארבונדן און גייט דורך דרך הטבע פון צמיחת הפירות.

ולהוסיף, די שייכות מיט (פ׳) קרח דוקא. ובהקדים, אז ״קרח״ און ״חקת״ באשטייען ביידע פון די אותיות ״חק״, נאר אין ״קרח״ קומט צו א רי״ש, און אין ״חקת״ - א תי״ו: בא קרח (משבט לוי) איז געווען דער גילוי פון ״חק״, למעלה מטעם ודעת ולמעלה ממדידה והגבלה (כמבואר אין חסידות[61] אז טענת קרח איז געקומען צוליב מעלתו, ״פיקח הי׳״[62], וואס ער האט געזען דער גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה ווי ס׳וועט זיין לע״ל); זיין טעות (בערעור על כהונת אהרן) איז באשטאנען אין דעם ענין פון ״ר״, ״רש״ (ארעמקייט[63]), וואס באווייזט אז די המשכה (פון מחשבה ודיבור) קומט ניט אראפ אין סדר השתלשלות (ער האט געוואלט פאנאנדערטיילן עליון מיט תחתון[64]), ווי אין דעם אות ר׳ וואו עס פעלט דער קו השלישי (פון אות ה׳) כנגד[65] מעשה[66].

משא״כ אין ״חקת״ - ״זאת חקת התורה״ - ווערט נמשך פון ״חק״ (למעלה ממדידה והגבלה) אין דעם אות ״ת״, סוף וסיום כל הכ״ב אותיות התורה, ד.ה. אז עס ווערט נמשך אין און דורך גאנץ סדר השתלשלות (אלע אותיות פון אל״ף ביז תי״ו), אין אלע דריי קוים (באות ת׳) פון מחשבה דיבור ומעשה, און תורה עבודה וגמילות חסדים, ואדרבה: באופן אז זיי ווערן אלע נתחבר - ווייל בסיום ושלימות העבודה, ווען מ׳האט די מהירות דקדושה (פון דער המשכה שלמעלה מסדר השתלשלות אין סדר התשלשלות), ווערט דער חיבור יחד פון אלע דריי קוים, אז פון דעם עליון (מחשבה ודיבור) קומט מען גלייך במהירות אין דעם תחתון (מעשה), אן קיין הפסק ביניהם (ווי אין דעם אות ה״א[67]). און דערפון קומט מען צו דער נקודה מתחתית ה(קו השמאלי פון) אות ת׳ - נקודת הביטול, און א נקודה גדולה (מיט אורך ורוחב), ד.ה. אז דער ביטול גייט צוזאמען מיט דער התפשטות לאורך ורוחב; און דאס קומט בסיום האות - וואס ווייזט אויף שלימות נקודת הביטול בסיום העבודה.

און דורך דעם ווערט אויפגעטאן דעם ענין פון ״חקת״ - אויך מלשון חקיקה, וואס ווייזט אויף א המשכה נצחית (בלי שינוי), פארבונדן מיט ת׳, כמאחז״ל[67] ״תי״ו - תחי׳״ - ששלימותו חיים נצחיים.

ו. ע״פ הנ״ל ~~וועט מען אויך פארשטיין~~ דעם נס פון ״שמש בגבעון דום״:

די כוונה אין דעם נס איז געווען - ניט ארויסגיין פון דרכי הטבע לגמרי - נאר ווי אין אלע ענינים, אז דער נס זאל צוהעלפן אין דעם נצחון המלחמה[68] וואס איז פארבונדן (עכ״פ במקצת) אויך מיט דרך הטבע. אפילו אין דער מלחמה - וואס איז ״ה׳ נלחם לישראל״[19] - האט געדארפט זיין די התלבשות אויך בדרך הטבע.

דעריבער איז ניט געווען א נס וואס האט ~~אינגאנצן~~ שולל געווען די מלחמה בדרך הטבע (ע״י יהושע), נאר א נס וואס האט צוגעהאלפן די מלחמה שלהם: די הכנה והכשרה צו דעם נצחון איז

. . **ואולי י"ל** ולהוסיף, די שייכות מיט (פ') קרח דוקא . .

. . וואס באווייזט אז די המשכה (פון מחשבה ודיבור) קומט ניט אראפ אין סדר השתלשלות (~~ע~~ **עד קרח** האט געוואלט פאנאנדערטיילן עליון ~~מיט~~ **און תחתון**) . .

. . אז פון דעם עליון (מחשבה ודיבור) קומט מען גלייך במהירות אין דעם תחתון (מעשה), אן קיין הפסק ביניהם (**ניט** ווי אין דעם אות ה"א) . .

ס"ו

ע"פ הנ"ל ~~וועט מען אויך פארשטיין~~ **י"ל אין** דעם נס פון "שמש בגבעון דום":

די כוונה אין דעם נס איז געווען – ניט ארויסגיין פון דרכי הטבע לגמרי – נאר ווי אין ~~אלע~~ **רוב הענינים**, אז דער נס זאל צוהעלפן אין דע~~ר~~**ם** נצחון המלחמה וואס איז פארבונדן (עכ"פ במקצת) אויך מיט דרך הטבע . .

. . דעריבער איז ניט געווען א נס וואס האט ~~אינגאנצן~~ **לגמרי** שולל געווען די מלחמה בדרך הטבע (ע"י יהושע) . .

געווען דורך דעם נס פון "שמש בגבעון דום"[69], אבער דאס אליין האט ניט אויפגעטאן דעם נצחון. לאחרי וואס עס האט געלויכטן אור היום הטבעי (פון אור השמש)[70], האט יהושע און די אידן געדארפט נאכלויפן און מלחמה האבן מיט די אויבים בדרך הטבע.

ועפ"ז איז מסתבר זאגן, אז דער נס עצמו (פון "שמש בגבעון דום") איז געווען אין אן אופן וואס איז מערער פארבונדן מיטן טבע פון מהלך השמש - אופן שני הנ"ל ס"ב) - און דעריבער האט דאס אפגעשטעלט ניט נאר דער שמש וירח, נאר אלע כוכבים ומזלות, און דעם מהלך פון דעם גלגל היומי בכלל, און אלע גלגלים וואס זיינען פארבונדן מיט מהלך השמש.

[ויומתק ע"פ דעם ביאור אין חסידות[71] אין אמירת יהושע "שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון", אז דורך אפשטעלן דעם מהלך השמש ולבנה (זייער השתחוואה וביטול[72]), וואס דאס איז דורך פועל'ן אויפן שמש "דום"[73] מלומר שירה"[74] - האט יהושע געוואלט מבטל זיין די השפעה צו די אומות העולם (מיט וועלכע אידן האבן מלחמה געהאט) וועלכע דינען דעם שמש וירח (וכוכבים ומזלות), און דורך דעם - ווערט בדרך ממילא אויפגעטאן נצחון המלחמה. וואס לויט דעם לייגט זיך נאכמער צו זאגן אז מיט "שמש בגבעון דום" האט זיך אפגעשטעלט דער מהלך ניט נאר פון שמש וירח נאר פון אלע כוכבים ומזלות (אין די אנדערע גלגלים)].

ז. ועד"ז איז אויך די הסברה אין דעם נס הגאולה פון ג' תמוז (בשנת תרפ"ז):

צוזאמען דערמיט וואס דער נס פון ג' תמוז איז געווען א נס שלמעלה מהטבע, האט ער געהאט א ווירקונג אין דער טבע גופא, אז זי האט "מסכים" געווען צו דעם נס [ובפרט אז דאס איז לכתחילה געווען א נס המלובש בטבע, בערך צו דער נס גלוי פון "פרח מטה אהרן" און "שמש בגבעון דום"], כידוע אז די זעלבע מענטשן וואס האבן דעם בעל המאסר והגאולה פאשפארט אין תפיסה, האבן זיי גופא (פארבלייבנדיק בתקפם) געמוזט אים באפרייען, ביז אז זיי האבן געדארפט ארויסהעלפן אין דעם שחרור וגאולה[75].

און דעריבער יש לומר, איז דער נס ניט געקומען בבת אחת (אין א גאולה שלימה), נאר ער האט זיך אויסגעשטעלט אין שלבים בדרך הטבע - בהתאם צו דעם מצב פון דעם צד שכנגד (וועלכער איז געווען בתקפו), אז זיי מצד מצבם ("טבעם") זאלן קומען צו דער הכרה אז מ'דארף אים באפרייען, אנהויבנדיק דורך מבטל זיין די גזירה פון היפך החיים ר"ל אויף פארשיקן אים לעיר מקלטו אין קאסטראמא, ביז - אז זיי האבן אים אינגאנצן באפרייט[76].

אבער אויך דערנאך איז די מדינה געבליבן בתקפה, כולל - בשייכות מיט די התנגדות צו דת ישראל וכו', און דעריבער האט די שלימות הגאולה פון אידן (במדינה ההיא) געדויערט א משך זמן, בכדי ניט ברעכן זייער טבע נאר אז זיי אליין (במשך השנים) זאלן סו"ס קומען צו דער הכרה און פון דארט אנהויבן לאזן אידן פירן זיך פרייערהייט אין אלע ענינים פון אידישקייט, און אויך ארויסלאזן אידן פון מדינה ההיא (און זיי נאך ארויסהעלפן אין דעם),

כולל אויך - בימים אלו ממש - די שקו"ט און דער רצון פון כו"כ במדינה ההיא צו אומקערן דעם נאמען פון שטאט "לענינגראד" (וואו ס'איז געווען דער מאסר וישיבה בבית האסורים) - דער נאמען וואס די קאמוניסטן האבן איר געגעבן (על שם זייער פירער) - צוריק צו דעם נאמען "פעטערבורג"

. . ועפ"ז ~~איז~~ **אולי יותר** מסתבר זאגן, אז דער נס עצמו (פון "*שמש בגבעון דום*") איז געווען אין אן אופן וואס איז ~~מערער~~ פארבונדן מיטן טבע פון מהלך השמש – אופן *שני הנ"ל* ס"ב) – און ~~דעריבער~~ [דאס האט] אפגעשטעלט ניט נאר דער *שמש* וירח, נאר אלע כוכבים ומזלות. *[תחלה הי' כתוב "האט דאס", ושינה הסדר כנ"ל]*.

. . האט יהושע געוואלט מבטל זיין די השפעה צו די אומות העולם (מיט וועלכע אידן האבן **דאמאלס** מלחמה געהאט) וועלכע דינען דעם שמש וירח (וכוכבים ומזלות), און דורך דעם – ווערט ~~בדרך ממילא~~ **אויך** אויפגעטאן **ב**נצחון המלחמה. וואס לויט דעם לייגט זיך נאכמער צו זאגן אז מיט "*שמש בגבעון דום*" האט זיך אפגעשטעלט דער מהלך ניט נאר פון שמש וירח נאר **אויך** פון ~~אלע~~ **נאך** כוכבים ומזלות (אין די אנגערע גלגלים)].

ס"ז

ועד"ז **אולי** איז אויך די הסברה אין דעם נס הגאולה פון ג' תמוז (בשנת תרפ"ז) . .

. . [ובפרט אז דאס איז לכתחילה געווען א נס <u>המלובש בטבע</u>, **ובמיוחד** בערך ~~צו~~ דער נס ~~גלוי~~ פון "*פרח מטה אהרן*" און "*שמש בגבעון דום*"] . .

. . בהתאם צו דעם מצב פון דעם צד שכנגד (וועלכער איז געווען בתקפו), אז זיי מצד מצבם ("טבעם") ~~הם~~ זאלן קומען צו דער הכרה אז מ'דארף אים באפרייען . .

. . און דעריבער האט די *שלימות* הגאולה פון אידן (במדינה ההיא) געדויערט א משך זמן, ~~בכדי ניט ברעכן זייער טבע נאר~~ **ביז** אז זיי אליין (במשך השנים) זאלן סו"ס קומען צו דער הכרה . .

. . דער נאמען וואס ~~די קאמוניסטן~~ **זיי** האבן איר געגעבן (על שם זייער פירער) . .

(דער נאמען פון שטאט בזמן המאסר והגאולה פון דעם אלטן רבי'ן[77]) - דער נאמען וואס דער צאר (פעטער) האט אים אנגערופן (וואס ער שטעלט מיט זיך פאר דער סאמע היפך פון די קאמוניסטן). והגם אז אויך אונטערן צאר זיינען געווען מניעות ועיכובים צו אידישקייט - קומט עס ניט צו דעם וואס איז געווארן דורך די וואס האבן ארעסטירט און פארשפארט דעם בעל המאסר והגאולה; ויש לומר, אז אין דעם שקו"ט ורצון צו צוריק אומקערן דעם שם העיר פון "לענינגראד" אויף "פעטערבורג" - זעט מען נאכמער בגלוי די פעולה נמשכת פון דער גאולה בי"ב-י"ג תמוז, די גאולה כללית פון אלע אידן איבער זייערע מנגדים בכלל, ובפרט במדינה ההיא.

ח. ויש לקשר זה אויך מיט דעם חודש הגאולה (חודש תמוז) - דער חודש הרביעי, וועלכער[78] קומט נאך - ובכח פון - חודש השלישי (ירחא[79] תליתאי)[80], בדוגמא צו אות ג' וד' ר"ת "גמול דלים"[81], די השפעה (גמול) פון חודש הג', דער חודש פון מתן תורה, אין דעם חודש הד', דער חודש פון דעם המשך וסיום המאסר (ע"ד ענין "דלים"), באופן אז דאס (בחי' דלים) ווערט נהפך צו דעם חודש הגאולה[82].

ויש לומר אז דער ענין איז מרומז אין צורת ה(אות) ד':

אע"פ[83] וואס דער אות ד' און אות ר' זיינען ענלעך דערמיט וואס ביידע באווייזן אויף ענין העניות: דלי"ת מלשון דלות ור"ת דלים, און רי"ש מלשון רש ("ולרש אין כל"[84]), און ביידע באשטייען פון צוויי קוים, איינער למעלה ברוחב און איינער באורך (מלמעלה למטה) - איז דא אן עיקריות'דיקער אונטערשייד צווישן זיי: אות ד' האט א נקודה (י') מאחורי' (וועלכע פארבינדט די צוויי קוים), משא"כ אות ר'.

איינער פון די ענינים אין דעם: די נקודה באווייזט אויף ענין הביטול, און דאס גייט אויף דער נקודת היהדות וואס איז דא בשלימות בא יעדער איד, אפילו ווען ער שטייט אין א מצב פון "אחוריים" (ניט אין פנים דקדושה), כמאחז"ל[85] "אע"פ שחטא ישראל הוא", ווארום די נקודת היהדות איז העכער פאר אלע העלמות והסתרים, און העכער פאך אלע דרגות אין סדר השתלשלות - די נקודה פון יחידה וואס פארבינדט א אידן מיט דעם יחיד שלמעלה[86].

און די נקודה (ביטול) מאחורי הד' באווייזט אז די דלות ועניות פון דעם ד' איז דער ביטול פון קדושה - וואס פארבינדט אים מיט די העכסטע דרגות, דלי"ת אויך מלשון "דליתני"[87] (הרמה), וע"ד די מעלה פון "תפלה לעני" וועלכע דערגרייכט "לפני הוי' ישפוך שיחו"[88], משא"כ דער אות ר' וואס האט ניט קיין נקודה פון ביטול - איז די עניות פון דעם וואס זי האט קיין שייכות ניט צו קדושה.

ועפ"ז קען מען אויך מסביר זיין דער אונטערשייד צווישן די צוויי קוים פון דעם ר' און פון דעם ד': די צוויי קוים - ברוחב ואורך - זיינען כולל אלע דרגות פון סדר השתלשלות, וועלכער טיילט זיך בכללות אויף עליון ותחתון, רוחב ואורך: דער קו למעלה (ברוחב) איז א שלימות בהרחבה, אבער אין דער דרגא עליונה עצמה (ע"ד איכות), או דער קו באורך באווייזט אויף דער המשכה מלמעלה למטה (צו נידעריקערע דרגות).

שלימות העבודה באשטייט פון דעם אז מ'זאל האבן ביידע מעלות צוזאמען: נקודת הביטול און ווי

. . דער נאמען וואס דער צאר ~~(פעטער)~~ **בזמן בנית העיר** האט אים אנגערופן (וואס ער שטעלט מיט זיך פאר דער סאמע היפך פון די קאמוניסטן) . .

### ס"ח

**ואולי** ~~י~~יש לקשר זה אויך מיט דעם חודש הגאולה (חודש תמוז) . .

. . וע"ד די מעלה פון "תפלה לעני" וועלכע דערגרייכט **אז** "לפני הוי' ישפוך שיחו" . .

. . שלימות העבודה באשטייט ~~פון~~ **אין** דעם אז מ'זאל האבן ביידע מעלות צוזאמען . .

דאס ווערט נמשך און נעמט דורך אויך סדר השתלשלות (די צוויי קוים): בשעת מ'האט דיביידע ענינים פון עליון ותחתון, אבער עס פעלט די נקודת הביטול (פון דעם עצם) - דעמולט פעלט סו"ס אין דער חיבור פון די ביידע קוים (ביז אז פעלט אויך אין דער שלימות פון ביידע קוים עצמם), ביז אז דער פירוד ביניהם קען ברענגען צו א מצב פון "רש", עניות היפך הקדושה (ע"ד ווי ס'איז געווען בא קרח, אותיות "חק ר"', כנ"ל ס"ה). בשעת ס'איז אבער דא דער ביטול פון נקודת היהדות (די נקודה מאחורי הד') - וואס איז מחוץ און העכער פון די ביידע קוים [נאכמער ווי דער מעלה פון א קרן זוית], און צוזאמען דערמיט ביידע קוים (ווי אין דעם אות ד') - דעמולט האט מען שלימות העבודה פון ביידע קוים, און אויך די שלימות החיבור ביניהם.

וואס דאס איז דער תוכן פון חודש הד', חודש הגאולה - גאולת ג' תמוז וי"ב-י"ג תמוז - אז דער נס שלמעלה מטבע (ע"ד די נקודה) זאל נמשך ווערן און איבערמאכן טבע העולם (די צוויי קוים פון אורך ורוחב). ביז אז דאס דערגרייכט אויך אין א מצב פון "רש", דלגת דלעו"ז (דער ענין המאסר דורך די מנגדים לקדושה)), און מאכט דאס אויך איבער[88]. ואדרבה: דוקא דורך דער ירידה למטה אין א מצב פון צרה - ווערט נתגלה ווי "עמו אנכי בצרה"[89], וואס דאס גייט אויף עצמותו ית', שלמעלה פון אלע גדרים פון סדר השתלשלות עליון ותחתון, און דעריבער - אע"פ וואס דער אויבערשטער איז עליון שאין למעלה ממנו, און דער צרה בעולם אצ תחתון שאין למטה ממנו - איז "עמו אנכי בצרה" (היפך השתלשלות, פון עליון ותחתון), און אויך אין דעם מצב - בחי' אחוריים - ווערט נתגלה דער יו"ד (נקודת היהדות), ביז אז דאס ווערט נמשך און פארבינדט אויך דעם עליון ותחתון פון סדר השתלשלות.

ט. פון דאס אויבנגעזאגטע זיינען פאראן כמה לימודים, הן בכללות עבודת האדם, הן בנוגע צו זיך והן בנוגע צו זיין עבודה בעולם, והן בעניני תומ"צ והן בעניני רשות (באופן פרנסת האדם), און אויך ובמיוחד - בקשר מיט דער גאולה פון ג' תמוז - בנוגע צו דער עבודה פון הרבצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה.

ובפרט אז מ'האט דעם ציווי אז מ'דארף אוועקלייגן מטה אהרן "למשמרת לאות" ("שבחרתי באהרן הכהן"), "משנגנז ארון נגנז עמו כו' מקלו של אהרן בשקדי' ופרחי'" - איז פארשטאנדיק אז דערפון איז דא א הוראה נצחית לדורות; און וויבאלד אז יעדער איד איז א חלק פון "ממלכת כהנים"[90], "כהנים גדולים"[91] [וכפס"ד הרמב"ם[92], אז "לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו כו' הרי זה נתקדש קדש קדשים"] - איז מובן, אז בא יעדן אידן דארף אויך זיין מעין דעם ענין פון "פרח מטה אהרן", "ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים".

י. דער לימוד דערפון אין כללות עבודת השם:

אע"פ וואס די עבודה פון א איד דארף זיין מתוך קבלת עול - שלמעלה מטעם ודעת, און אין אן אופן של זריזות שלמעלה ממדידה והגבלה, "בכל מאדך"[93], און דוקא דאס דערגרייכט אין דעם "מאד" שלמעלה[94] - וואלט מען דאך געקענט מיינען אז אין דעם באשטייט שלימות העבודה, ובלשון הידוע[95]: אילו נצטווינו לחטוב עצים -

האט מען די הוראה פון "פרח מטה אהרן", אז לאחרי דעם יסוד פון קבלת עול, קען און דארף די

. . בשעת ס'איז אבער דא דער ביטול פון נקודת היהדות (די נקודה מאחורי הד') – וואס איז מחוץ און העכער פון די ביידע קוים [נאכמער ווי ~~דער~~ **די** מעלה פון א קרן זוית] . .

. . ביז אז דאס דערגרייכט אויך אין א מצב פון "רש", ~~דלות~~ **עניות** דלעו"ז . .

. . און דעריבער – אע"פ וואס דער אויבערשטער איז עליון שאין למעלה ממנו, און ~~דער~~ צרה **איז** בעולם ~~איז~~ תחתון שאין למטה ממנו – איז "עמו אנכי בצרה" (היפך השתלשלות, פון עליון ותחתון) . .

ס"ט

. . [וכפס"ד הרמב"ם, אז "לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו כו' הרי זה נתקדש <u>קדש קדשים</u>"] . .

נקודה שלמעלה ממדידה והגבלה דערנאך ״פאנאנדערבליען״ אין אלע זיינע כחות פנימיים, ביז אין זיין גאנצע מציאות און טבע, ביז אז דאס זאל ארויסגעבן פירות - ״ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים״, ובאופן כזה - אז זיין טבע ומציאות עצמו ווערט באופן של זריזות (״א שנעלער טבע״) ושלמעלה ממדידה והגבלה, אז אלץ וואס ער טוט מיט זיינע כחות טבעיים איז בזריזות הכי גדולה, זריזות דקדושה.

עד״ז האט מען אויך דעם לימוד אין דער עבודה בעניני רשות פון א אידן, ובפרט בנוגע צו זיין פרנסה גשמית: לכל לראש לערנט מען אפ פון ״פרח מטה אהרן״ (וואס בלייבט ״למשמרת״) - ע״ד ווי דער לימוד פון ״צנצנת המן״ וואס איז אויך געבליבן ״למשמרת לדורותיכם״[96] - אז בשעת אידן האבן גע׳טענה׳ט צו ירמיהו׳ן (וואס ער האט פון זיי געמאנט ״למה אין אתם עוסקים בתורה״): ״נניח מלאכתנו ונעסוק בתורה מהיכן נתפרנס״, האט ירמיהו ארויסגענומען דעם ״צנצנת המן״ און זיי געזאגט: ״ראו בזה נתפרנסו אבותיכם, הרבה שלוחין יש לו למקום להכין מזון ליראיו״[97]. עד״ז האט מען דעם לימוד פון ״פרח מטה אהרן״, אז שקדים (א מזון גשמי) וואקסן אויס באופן נסי, ובזריזות, ועד״ז - איז בנוגע צו דער פרנסה פון אידן.

לאידך גיסא שטייט ״וברכך ה׳ אלקיך בכל אשר תעשה״[98], אז די המשכה פון פרנסה גשמית ווערט אויפגעטאן דורך א סדר טבעי פון צמיחת שקדים (״ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים״), וואס קומט דורך משא ומתן באמונה״[98] (חרישה וזריעה), אין די הגבלות פון טבע העולם, דורכגענומען מיט דער אמונה בה׳ - ״שמאמין בחי העולמים וזורע״[99]; און דאס ווערט דער כלי אויף באקומען די ברכות של הקב״ה אויף פרנסה באופן נסי, אבער אזא נס וואס טוט זיך אן אין טבע העולם, אז מ׳זעט ווי דער טבע העולם און אוה״ע עצמו איז מסייע אין דער השפעת פרנסה צו א אידן.

ווי מ׳זעט עס במיוחד בדורות האחרונים, וואס דער אויבערשטער האט געבענטשט אידן אז זיי זאלן באקומען זייער פרנסה מיט ווייניק יגיעה, מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף (שלא בערך מער ווי ס׳איז געווען בדורות לפני זה), דורך דעם נואס די וועלט אליין איז מסייע לזה.

יא. דערפון האט מען אויך א לימוד מיוחד אין דער עבודה פון הפצת המעינות חוצה, וועלכע איז נתרחב געווארן ביז באופן שלא בערך דורך און נאך דער גאולה פון ג׳ תמוז און י״ב-י״ג תמוז:

יש לומר אז די דריי ענינים פון ״יפוצו[100] מעינותיך חוצה״[101] זיינען ע״ד די דריי ענינים אין דעם אות ד׳: יפוצו - נקודת הביטול, מעינותיך - דער קו למעלה (רוחב), און חוצה - דער קו באורך וואס באדייט די השפעה מלמעלה למטה.

לכל לראש דארף א איד שטיין אין א מצב פון ״יפוצו״ - זיין גאנצע מציאות דארף באשטיין פון ״יפוצו״, א מציאות וואס פארשפרייט אלקות, ובאופן שלמעלה ממדידה והגבלה (יפוצו אן הגבלות[102]). נאך איידער מ׳זאגט אים וואס (בפרטיות) ער דארף מפיץ זיין [מעינותיך] , און וואו ער דארף מפיץ זיין [חוצה] - דארף ער וויסן, אז גלייך ווי ער שטייט אויף אינדערפרי (נאך איידער ער טוט זיין עבודה בפרטיות) איז ער א מציאות פון ״יפוצו״ - ״מודה אני לפניך כו׳״, וואדים ״אני נבראתי לשמש את קוני״[103] איז ניט דער פשט אז ער איז א מציאות לעצמו, און די מציאות איז זיך עוסק אין ״יפוצו״ (לשמש את קוני), נאר כל מציאותו איז ״יפוצו״. ובלשון הידוע[104]: ״לכתחילה

## ס"י

. . ביז אין זיין גאנצע מציאות און טבע, ביז – אז דאס זאל ארויסגעבן פירות – "ויצא פרח ויצץ ציץ ויגמול שקדים" . .

. . און דאס ווערט ~~דער~~ **די** כלי אויף באקומען די ברכות של הקב"ה אויף פרנסה באופן נסי, אבער אזא נס וואס טוט זיך אן אין טבע העולם, אז מ'זעט ווי דער טבע העולם און אוה"ע עצמ~~ו~~**ם** איז מסייע אין דער השפעת פרנסה צו א אידן.

ווי מ'זעט עס במיוחד בדורות האחרונים, וואס דער אויבערשטער האט געבענטשט אידן אז זיי זאלן באקומען זייער פרנסה מיט ווייניק**ער** יגיעה, מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף (~~שלא בערך~~ מער ווי ס'איז געווען בדורות לפני זה), דורך דעם וואס די וועלט אליין איז מסייע לזה.

## סי"א

. . לכל לראש דארף א איד שטיין אין א מצב פון "יפוצו" – זיין ~~גאנצע~~ מציאות דארף באשטיין פון "יפוצו", א מציאות וואס פארשפרייט אלקות, ובאופן שלמעלה ממדידה והגבלה (יפוצו אן הגבלות) . .

. . דארף ער וויסן, אז גלייך ווי ער שטייט אויף אינדערפרי (נאך איידער ער טוט זיין עבודה בפרטיות) איז ער א מציאות פון "יפוצו" – "מודה אני לפניך **כו'** רבה כו'"~~, ווארום היות אז~~ - "אני נבראתי לשמש את קוני" איז ניט דער פשט אז ער איז א מציאות לעצמו, און די מציאות איז זיך עוסק אין "יפוצו" (לשמש את קוני), נאר כל מציאותו איז "יפוצו" . .

אריבער״, גלייך מלכתחילה שטייט ער אריבער.

דערנאך דארף ער דאס ממשיך זיין אין פרסים: ״מעינותיך״ - ער דארף מפיץ זיין דוקא די מעינות פון תורה, שמטהר בכל שהוא[105] [העכער פאר די דרגות מים שלמטה מזה, מי מקוה וכיו״ב[106]], און ער דארף זיי מפיץ זיין ״חוצה״, אנהויבנדיק פון חוצה אין זיך (פון זיין נקודת האמונה וקבלת עול אין זיין שכל ומדות וכחות פנימיים), ביז אין חוצה כפשוטה - חוץ פון די ד׳ אמות פון קדושה, פון ישיבה, ביהכנ״ס וביהמ״ד, ביז אין ״חוצה״ (מיט א ה״א וואס איז כולל חוצה[107]) שאין חוצה למטה ממנה.

וע״ד דער סיפור הידוע מיט א חסיד וואס איז געגאנגען אין גאס במדינה ההיא - ניט רעכענענדיק זיך מיט מדידות והגבלות, ווי דער סדר פון אן אמת׳ער חסיד איז - אין א זמן ווען דאס איז געווען פארבונדן מיט סכנה. און א פאליסמאן האט אים אפגעשטעלט און געפרעגט: ״קטא אידיאט״ (ווער גייט)? האט ער געענטפערט: ״ביטול אידיאט״ (ביטול גייט)! ער האט געענטפערט דאס וואס ביי אים האט זיך געלייגט מיט אן אמת - אז כל מציאותו איז ״ביטול״, און די מציאות פון ״ביטול״ גייט!

צוזאמען דערמיט האט ער עס אים געענטפערט דוקא אויף רוסיש - ווייל זיין ביטול איז אויך נמשך געווארן אין דעם מצב און שפראך פון דעם מקום - אין דער טבע ומציאות פון רוסלאנד - ע״ד ״אזלת[108] לקרתא הלך בנימוסא״[109], אזוי אז דער טבע ולשון המקום עצמו זאגט און דערהערט אז ״ביטול אידיאט״.

יב. דערביי קען נאך זיין די שאלה - ווי אנדערע פרעגן: אפילו בשעת איך אליין טוט מיין עבודה בשלימות, ביז אז איך דעגרייך צו א דרגא וואס מיין מציאות איז ״יפוצו״ (תכלית הביטול) - וואס העלפט עס, ווען ״אתם המעט מכל העמים״[110], און אין דער וועלט ארום זיינען פאראן שבעים אומות וועלכע זיינען א ריבוי עצום בכמות בערך צו דער כבשה אחת[111].

ובסגנון אחר: וואס וועט די וועלט און וואס׳וועלן די אומות זאגן אויף דעם וואס א איד טוט זיין עבודה פון ״יפוצו מעינותיך חוצה״, ובמיוחד - אין ממהר זיין די גאולה האמיתית והשלימה, זיי פארשטייען דאך לכאורה ניט וואס דאס מיינט?! ס׳איז טאקע גאר א גרויסע און הויכע עבודה - אבער מ׳דארף זיך דאך לכאורה רעכענען - טענה׳ט ער - מיט דער וועלט!

איז דער ענטפער אויף דעם: די וועלט איז שוין פאדטיק! בשעת א איד וועט נאר טאן זיין עבודה כדבעי - באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, וביחד עם זה ווי דאס איז אנגעטאן אין די כלים פון לבושי הטבע - וועט ער זען ווי דער עולם, טבע העולם און אומות העולם זיינען אים מסייע אין זיין עבודה.

אפילו אמאל (ווען עס זיינען געווען מניעות ועיכובים) איז דער סדר ביי דעם חסיד געווען, אז געזאגט ״ביטול אידיאט״; עאכו״כ איצטער, ווען מ׳האט ניט אלע מניעות ועיכובים [וכאמור לעיל, אז אויך אין מדינה ההיא זיינען געווארן שינויים גדולים לטוב], ואדרבה - אין דער וועלט אליין זעט מען די נסים ונפלאות וואס קומען פאר בפרט אין די לעצטע יארן [שנת נסים, און שנת אראנו נפלאות] - איז שוין הגיע הזמן, אז הגם וואס עס דארף זיין אן ענין שלמעלה ממדידה

סי"ב

דערביי קען נאך זיין די שאלה – ווי אנדערע פרעגן: אפילו בשעת איך אליין טו~~ט~~ מיין עבודה בשלימות . .

. . זיי פארשטייען דאך ~~לכאורה~~ ניט וואס דאס מיינט?! . .

. . איז דער ענטפער אויף דעם: די וועלט איז שוין **צוגעגרייט**, פארטיק! בשעת א איד וועט ~~נאר~~ טאן זיין עבודה כדבעי' . .

. . אפילו אמאל (ווען עס זיינען געווען מניעות ועיכובים) איז דער סדר ביי דעם חסיד געווען, אז **מצבו איז און במילא** [האט ער] געזאגט, ביטול אידיאט . . *[תחלה הי' כתוב "ער האט", ושינה הסדר כנ"ל]*

. . עאכו"כ איצטער, ווען מ'האט ניט **כו"כ פון די** אלע מניעות ועיכובים . .

והגבלה - נסים ונפלאות, ביז די נסים ונפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה - נעמט עס דורך אויך טבע העולם, אז די וועלט אליין איז מסייע צו צמיחת הגאולה [אזוי ווי "פרח מטה אהרן" האט גע'פועל'ט אין טבע המטה, אז עס זאל זיין צמיחת הפירות בדרך הטבע].

וע"ד ווי ס'איז געווען בא יציאת מצרים - וואס כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[112] - אז נוסף צו די נסים וואס זיינען דעמולט געווען, איז געווען "וינצלו את מצרים"[113], באופן כזה אז הגם דאס האט זיך אנגעהויבן בדרך נס, האט דאס געפירט דערצו אז די מצריים אליין האבן אין דעם מסייע געווען אידן, און געגעבן מער ווי מ'האט זיי געבעטן[114]. עאכו"כ אין דער גאולה האמיתית והשלימה - ווען עס וועלן זיין נפלאות אפילו בערך צו די נפלאות בא יצי"מ[115], וועט דאס אויך זיין באופן כזה אז דער עולם וטבע העולם עצמו וועט דערצו צוהעלפן.

יג. ובנוגע לפועל:

גייענדיק פון ג' תמוז אין די ימי הגאולה פון י"ב-י"ג תמוז - וואס בכל שנה ושנה (הכולל כל שינויי הזמן[116]) קומט אין דעם צו אן עלי' - דארף יעדערער מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין אלע פעולות פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, ובאופן של זריזות, ומתוך ההכרה - אז די וועלט אליין וועט מסייע זיין א אידן אין זיין עבודה.

ובמיוחד - שטייענדיק בזמן הקיץ - ווען קינדער גייען אין מחנות-קיץ, דארף מען זיך משתדל זיין אז אידישע קינדער זאלן גיין אין מחנות קיץ וואס זיינען מיוסד אויף א חינוך הכשר ועל טהרת הקודש; און די וואס פארנעמען זיך מיט מחנך זיין די קינדער - דארפן זעען אויסנוצן דעם זמן הקיץ בתכלית השלימות, און בתכלית הזריזות, אויסנוצן יעדער רגע פנוי אויף אליין צוגעבן און צוגעבן בא די קינדער אין אלע ענינים פון אידישקייט, מיט לעבעדיקייט און פרייליכקייט.

ומענין לענין: ע"פ ה"יש נוהגין"[117] צו זאגן[118] פרקי אבות בכל שבתות הקיץ (נאך תפלת מנחה) - איז כאן המקום נאכאמאל מעורר זיין וועגן דעם [ובפרט אז דעם שבת איז דער פעם העשירית[119] פון זאגן פרקי אבות בשנה זו (די זעקס וואכן בין פסח ועצרת, און פיר וואכן נאך עצרת ביז דעם שבת], ומה טוב - זייענדיק תורה שבעל-פה - אז מ'זאל לערנען איין משנה (עכ"פ) לעיונא.

און אזוי אויך יש לעורר אויף דעם מנהג טוב בכמה מקומות צו חזר'ן א מאמר חסידות נאך תפלת מנחה בשבת. - ויה"ר אז עס זאל זיין אין אן אופן פון "חקת" (ווי מ'גייט לייענען בתפלת מנחה), אז דאס זאל דערנעמען די שומעים און אין זיי אויפטאן א שינוי ביז אין אין אופן פון חקיקה, אז דאס ווערט אין זיי איינגעקריצט.

און תיכף ומיד ממש זאל דאס שוין ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, און הקרבת פרה העשירית, שיעשה מלך המשיח מהרה יגלה, אמן כן יהי רצון[120],

ובנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו[121] גייען אלע אידן אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, בבית המקדש השלישי, וכאמור - תיכף ומיד ממש.

סי"ג

ובנוגע לפועל:

גייענדיק פון ג' תמוז **צו און** אין די ימי הגאולה פון י"ב-י"ג תמוז – וואס בכל שנה ושנה (**שנה - ש**הכולל כל שינויי הזמן) קומט אין דעם צו אן עלי' . .

. . אויסנוצן יעדער רגע פנוי אויף **אין זיך** אליין צוגעבן און צוגעבן בא די קינדער אין אלע ענינים פון אידישקייט, מיט לעבעדיקייט און פריילעכקייט . .

. . ויה"ר אז עס זאל זיין אין אן אופן פון "חקת" (ווי מ'גייט לייענען **עתה** בתפלת מנחה) . .

26*) ובפרטיות - יש בזה ג' סוגים: (א) שגם בעת הנס נשאר הדבר במהותו. ~~כמו בנס דהפיכם מים לדם, שגם בעת הנס~~ נשאר במהות מים ~~ועד אשר~~ "גיגית מלאה מים..ישראל שותה מים כו'" - שמו"ר פ"ט, י). (ב) ע"ד הנס דקרי"ס, שהנס פעל שינוי בטבע המים שיהיו "כחומת אבנים", אבל לא נשתנה המים במהותו ליבשה, ולכן "אילו הפסיק ה' את הרוח כרגע היו המים חוזרים וניגרים" (שעהיוה"א פ"ב). (ג) הנס פועל שינוי בטבע הדבר, כמו הנס דידו של משה מצורעת כשלג. [ולהעיר מהג' אופנים בביאור שמשה לא אכל ולא שתה ארבעים יום, ראה לקמן הערה 109].

ובנדו"ד - נס העמדת השמש - אפשר לומר בא' מג' אופנים הנ"ל. וע"פ המבואר לקמן בפנים (שנס זה פועל שינוי בטבע מהלך השמש), אפ"ל שזה הי' כאופן הב' או אופן הג' הנ"ל.

בחרב" (יהושע שם, יא).

70) וראה לקו"ש ח"ח ע' 120, שגם ע"י עצם הענין דביטול תנועת השמש נת~~בטאה התבלית~~ דטבע השמש עצמו.

## חלק מההערות

*26) ובפרטיות – יש בזה ג' סוגים: א) שגם בעת הנס נשאר הדבר במהותו. ~~כמו בנס דהפיכת מים לדם, שגם בעת הנס~~ נשאר במהות מים (~~ועד אשר~~ **להעיר שבעת מכת דם הרי** "גיגית מלאה מים . . ישראל שותה מים כו'" – שמו"ר פ"ט, י). (ב) ע"ד הנס דקרי"ס, שהנס פעל שינוי בטבע המים שיהיו "כח[ומ]ת אבנים", אבל לא נשתנה המים במהותו ליבשה, ולכן "אילו הפסיק ה' את הרוח כרגע היו המים חוזרים וניגרים" (שעיוה"א פ"ב). (ג) הנס פועל שינוי בטבע הדבר, כמו הנס דידו של משה מצורעת כשלג. [ולהעיר מהג' אופנים בביאור שמשה לא אכל ולא שתה ארבעים יום, ראה לקמן הערה 109] . . *[תחלה הי' כתוב "כחמות", ושינה הסדר ותיקן כנ"ל]*

**70) וראה לקו"ש ח"ח ע' 120, שגם ע"י עצם הענין דביטול תנועת השמש נת~~מלאה התכלית~~ נתקיימה הכוונה דטבע השמש עצמו.**

לזכות

החתן הת' **דובער** והכלה מרת **חנה** שיחיו

**גראסבוים**

לרגל נישואיהם בשעה טובה ומוצלחת

יום הבהיר כ"ח סיון ה'תשפ"ב

✦

**ולזכות הוריהם**

**הרה"ת הרב ר' יוסף יצחק וזוגתו מרת יוספה נעמי שיחיו גראסבוים**

**הרה"ת הרב ר' שמעי' וזוגתו מרת דבורה לאה שיחיו שמוטקין**